STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05029

# HA-TOIM

Eliyahu Hutner

*Permanent preservation of this book was made possible by Mr. Lawrence J. Malitzky in memory of his dear & beloved grandmother, Anna Beila Malitzky*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ציון

# התועים

## נאָכ׳ן תנ״ך, מדרש, תלמוד, קולטור געשיכטע און היינטיגע צייטען

איהר ווילט מיר ניט אָנקוקען ווייל איך
בין שוואַרץ, אַבוואָהל דאָס האָט מיר די
זון פאַרברענט, מיין מוטערס קינדער זיי־
נען בייז געוואָרען אויף מיר און האָבען
מיר אַוועקגעשטעלט אַלס היטערין ביי די
ווייַנגערטנער, מיין אייגענעם ווייַנגאָרטען
האָב איך קיינמאָל געהיט.

(שיר השירים ו׳).

ארויסגעגעבען פון

**רעוו. אליהו הוטנער**

בן העלוי ר׳ שמריהו זצ״ל ונכד הרב הגאון הצדיק ר׳ יצחק זצ״ל ציוני, בעל המחבר „עולת־יצחק״, אשר היה רב אב״ד ארבעים ושתים שנה בעיר רעזיצא, פלך וויטעבסק.

מאָנטרעאָל, קאַנאַדע.

# HATEIM

**A RELIGIOUS BIBLICAL AND HISTORICAL BOOK.**

PRINTED IN CANADA

נאָכדרוק פאַרבאָטען.

# אינהאַלט־פאַרצייכעניש

קאַפּיטעל — זייט


1. פאָרוואָרט — — — — — — — — — 5
2. דער היימישער איד און היינטיגע אַמעריקאַנער — — 7
3. די נפילים פון אונזער פאָלק — — — — — 17
4. יוחנן־הורקנוס—קיסר וכהן גדול נעשה לצדוקי— — 19
5. קעניג אגריפוס דער צווייטער — — — — — 27
6. אלכסנדרוס טיבעריוס יוליוס — — — — — 34
7. יוסף בן־מתתיהו — — — — — — — — 35
(יוסיפוס פלאַוויוס)
7. אלישע בן־אבויה — — — — — — — — 56
9. זמן־פלטתנו — — — — — — — — — 61

# פאָרוואָרט.

אַמאָל איז געגאַנגען אַ מגיד אין גאַס און האָט באַמערקט אַ געזעמעל פון מענשען אַרום אַ קונצענמאַכער, — „האָקוס-פּאָקוס" האָט אויסגעשריען דער קונצענמאַכער און געוויזען וואָס ער קאָן: געשלונגען טשוועקעס, גלאָז, געצויגען פון מויל אלערליי קאָלירטע בענדלאַך... אַלע האָבען באוואונדערט זיין טאַ־לאַנט און האָבען געוואָרפען אין זיין טעלער מטבעות. דער מגיד האָט אויך אַריינגעוואָרפען אַ מטבע און געבעטען דעם קונצען־מאַכער ער זאָל איהם אויס־לערנען זיין מלאָכה, ער וועט איהם דערפאַר גוט באַפרידיגען.

דער קונצען־מאַכער האָט געזאָגט אז ער פאַרלאַנגט ניט פון איהם קיין געצאָהלט און וועט דעם מגיד געבען פיל געלט.

דער פּאָקוסניק האָט אַ זאָג געטאָן: „האָקוס־פּאָקוס" און עס האָט זיך אַ שאָט געטאָהן געלט — פּייפּערלאַך אין הונדערטער און טויזענדער, אויך א שטראָם פון גאָלדענע מטבעות. דער קונצען־מאַכער האָט אַ וואונק געטאָהן צום מגיד צוצונעהמען דאָס געלט. דער מגיד האָט קיין שהיות ניט געמאַכט און אָנגעפּאַקט פולע קעשענעס מיט געלט. אריינגעכאַפּט זיך אין זיין אכסניה, אָפּ־גערעכענט זיך מיט די בעלת־הבית, האסטיג אכאַפּגעטאָן דעם רענצעל און היידאַ צום סטיישאָן...

באַגעגענט איהם א. בעל-הבית און פרעגט איהם:—„וואוהין לויפט איהר ר' מגיד? איהר וועט דאָך האָבען היינט אין שוהל א גרויסען עולם".

— „עט—טע—מע — מען לויפט...

דער בעל-הבית לאָזט איהם ניט אָפּ, ער וויל הערען ריינע דבורים. דער מגיד האָט איהם געמוזט דערצעהלען דעם ריינעם אמת ווי ער איז רייך געוואָרען...

זאָגט דער בעל־הבית אפשר ר׳ מגיד מאַכט איהר א טעות, עס קען זיין אז דאָס איז פאַלשע געלט, דער קונצען־מאַכער האָט אייך פארבלענדט די אויגען....

דער מגיד כאַפּט ארויס דאָס פּעקעל געלט און זיי צייגען זיך איבער אז דאָס איז באמת פאַלשע געלט...

דער משל פּאַסט צו מיין הקדמה.— אָט אזוי ווי דער מגיד האָט זיך אָפּגענארט מיט זיינע פאַלשע מטבעות, אַזוי כמעט אין אלע דורות נאַרט זיך אָפּ אַ טייל מענשען פון אונזער פאָלק — וועלכע שטרעבּט צו פרעמדע קולטור, פרעמדע מנהגים און ימים־טובים. אייניגע פארלאָזען די קוואַלען פון לעבעדיג וואסער אום זיך אויסצוגראָבען ברונימער, צובראָכענע ברונימער, וואָס קענען ניט האלטען דאָס וואסער; באַאיינפלוסען זיך מיט׳ן אויסוויינגסטען גלאַנץ פון פרעמדע לעהרע און פילאָסאָפיע; זיי באמערקען ניט אז דער שעהנער עפּעל איז אינעווייניג צופוילט... זיי טרינקען זיך אין ים פון ספקות, אַנדערע זיינען פארזונקען אין דעם אָפּגרונד פון טעות׳ן, און עס איז ניטאָ קיין שוויימער וועלכער זאָל זיי ארויסציהען פון דאָרט; זיי געהן אראָפּ פון ריכטיגען וועג און קערען זיך ניט אום. די קונצען־מאַכער פאַרבלענדען זיי די אויגען און צאָהלען זיי אָפּ מיט פאלשע מטבעות.

# דער היימישער איד און דער אמעריקאַנער איד

כמעט יעדער דור גיט ארויס זיינע „ענקים", וועלכע ווערען באזונגען פון אונזערע דיכטער און בלייבען אומשטערבליך אין אונזער געשיכטע. אויך יעדער דור גיט ארויס אַ קליינע צאָהל „נפילים" וועלכע ווערען געשטעמפעלט אַלס געפאַלענע טיפען פון אונזער פאָלק. אין רוסלאנד האָט מען קריטיקירט: ישובניקעס, אַרענדאַטאָרס, עמי־ערצים און פריידענקערס. דאָ, אין אמעריקע טראָגען זיי אַן אַנדער נאָמען „אַל-רייטניק" און ער איז דער ציל-ברעט פאַר די ניי־געשאַפענער אידישער איראָניע און סארקאַזם.

אין דער אַלטער היים אין רוסלאנד, פאַר דער רעוואָלוציע איז געווען די מעהרהייט פון אונזער פאָלק קאָנצענטרירט אין איין פלאַץ. איבער זיבען מיליאָן אידען האָבען געוואוינט אין רוסלאנד. גאָר א קליינע צאָהל אידען רייכע, מיט'ן נאָמען „פערווע גילדע קופּצעס" האָבען געהאַט רעכט צו וואוינען אין מאָסקווע, פעטערבורג, קיעוו א.ז.וו. די מעהרהייט אידען זיינען געווען איינ־געפּרעסט אין דער אידישער „געטאָ" ווי די הערינג אין א קאַדקע. זיי זיינען די מעהרהייט געווען: סוחרים, קרעמער, גאָר גאַנץ ווינציג ארבייטער און ערד ארבייטער, מיט איין וואָרט, דער איד האָט געלעבט פון ווינט. (7 מיליאָן אידען אין רוסלאנד זיינען פאַר דער צייט פון צאַריזם דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי גהנום; קיינמאָל ניט געווען אויף ריכטיגע מלוכה יסודות, למשל, ניט געהאַט קיין ריכטיגע קלאַסען: ערד־ארבייטער, בעלי־מלאָכות, א.ז.וו.) די קרעמער, בעלי־בתים אין מינסק פלעגען זיך אָפּט אריינכאַפּען אין די שוהלען. אַלע טאָג אינדערפריה נאָכ'ן דאַווענען לערנען אַ פּרק משנית און פאַרנאַכט בין מנחה למעריב, א בלאַט גמרא. שבת־קודש פלעגט איטליכער איד באַהערשט ווערען מיט אַ נשמה יתרה און אַנקלייבען גייסטיגע שפּייז אויף אַ גאַנץ וואָך. אַט פון די אַלטע געלע בלעטער פון תלמוד אגדות און ספרי־קדש האָט דער היימישער רוסישער איד געשעפּט אַ רוח הקדש דורכצוגעהן אין פייער און אין פלאַם פון אַלע אינקוויזיציעס פאַר זיין אמונה. די בעלי־בתים האָבען אין זיך געהאַט אַ כח, אַ קראַפט צו אָרגאַניזירען אין אידישען גייסט אַלע אַנ־שטאַלטען, למשל: חדרים, תלמוד-תורות, ישיבות, בקור חולים'ס, הכנסת אורחים, מושב זקנים'ס, גמילות־חסדים'ס א.ז.וו. אויך האָבען זיך באַוויזען משכילים וואָס האָבען געטרוימט פון שיבת־ציון. און אזוי האָט זיך אין רוס־

לאנד פאַרשפּרייט אַ גאַנצע געפּלאַכטענע קייט פון אידישע פּראָכטפולע קהלות. צוזייט און צושפּרייט איבער דער ברייטער רוסלאַנד האָבן געוואוינט אין אַ קליינער צאָהל ישובניקעס (פּאַרמערס), אַרענדאַטאָרס — זיי זיינען געווען גוט־אָפּ, פּראָסטע גוטע מענשען, פלעגען געבען צדקה, פון שטאָטישען לעבען האָבן זיי גאָר ווינציג געוואוסט, זיי האָבן זיך געריבען ארום דעם פּריץ, פלעגען ביי איהם קויפען וואַלד, אָנעמען אין אַרענדע אַ קרעטשמע, אַ מיל, אַ פּאַראָם, אַ שיינקעל, א.ז.וו. איך מוז באַמערקען אז די רוסישע פּריצים זיינען געווען צו די אידען בעסער ווי די פּוילישע פּריצים, וועלכע פלעגען נויטען אידען זינגען „מה־יפית" אויף איין פוס אין א בערישע פעל. די ישוב־ניקעס פלעגען אויף יום־טוב קומען אין שטאָדט מיט זייערע פאַמיליעס און מתפלל זיין אין בית־המדרש. די ישובניקעס זיינען אָרענטליכע מענשען מיט איידעלע געפילען און כשר פאַרדינט זייער ברויט, נאָר ניט ענטוויקעלט און אָפּגעשטאַנענע פון שטאָטישען לעבען. האָבן א ריכטיגען באַגריף וועגען אַ היימישען „ישובניק" וועל איך אויף דעם דערצעהלען אַ מעשה'לע — אַ ריכטיגען פאַקט וואָס איז פאָרגעקומען אין דער אַלטער היים.

אַ ישובניק האָט געהערט אין שטאָט אַ מגיד אין שוהל, וועלכער האָט מיט התלהבות געשילדערט וועגען דער גרויסער מצוה פון „הכנסת־אורחים". דער ישובניק איז געקומען אַ באַגייסטערטער אַהיים און אלעס דערצעהלט צו זיין פרוי און געזאָגט אז ער וויל האָבען אַן אורח אויף שבת: „וואָס קענסטו דאָס ניט אויספיהרען, זאָגט איהם זיין פרוי, פאָר אריין אין שטאָט און בעט דעם רב וועט ער דיר צושיקען אַן אורח אויף שבת, גאָט צו דאַנקען, עסען פעלט ניט, עס איז דאָ אַ גאַנצע קאָדקע איינגעזאַלצענע שעפּסענע פלייש אויף ווינטער, עס כאַפּט שוין צו אַביסעלע צוצופוילען... אויך איז דאָ בולבעס, אוגערקעס, צוואָרעך, סמעטענע, פּוטער... אלדאָס גוטס"... — „גוט", האָט דער ישובניק געזאָגט. אָוועקגעפאָהרען אין שטאָדט צום רב און געבעטען אַן אורח. דעם רב האָט איהם צוגעזאָגט און איהם צוגעשיקט אַ דיקען משולח מיט אַ הדרת פּנים. דער משולח האָט אַ גאַנצע וואָך ניט געגעסען צו זאָט, זיך ארומגעדרייט אין די קאַנטרים. געקומען איז ער צום ישובניק דריי שעה פאר ליכט בענטשען, אַ פאַרמאַטערטער, א פאר'חלש'טער, קוים אריינגעפאַלען אין הויז...

דער בעל־הבית האָט זיך דערפרייט מיט'ן אורח. מען האָט מקבל שבת געווען, דערנאָך זיך גענומען צו דער אכילה. דער ישובניק אַ הויכער, אַ גרויסער א דיקער, האָט פאַרקאָשערט זיינע אַרבעל און זיך גענומען מקיים צו זיין די מצוה פון הכנסת־אורחים. דערלאַנגט דעם משולח אַ טעלער מיט צוויי חלקים פיש און היט איהם ער זאָל איינגאַנצען אויף עסען, עס זאָל חס'ו גאָרניט בלייבען... דער משולח לאָזט זיך ניט בעטען און עסט אויף, מען מאַכט

„לחיים" מען זינגט זמירות, עס איז פריילין, דערנאָך אַ גרויסען טעלער מיט שעפּסענע פליישׁ... דער ישובניק באַקלאָגט זיך אַז ער עסט ווייניג, דער משולח טוט איהם די טובה עסט אויף אינגאַנצען די פליישׁ, זופּ און קאָמפּאָט... דער בעל־הבית קוועלט אָן... דער משולח האָט זיך קוים אוועקגעשאַרט אין זיין רום.

אויף מאָרגען נאָכ׳ן דאַוונען, ווייטער דאָס זעלבע. דער בעל־הבית באַ־דינט דעם משולח ביים דינער. היט איהם, ער זאָל אויפעסען די צוויי חלקים פיש, די שעפּסענע פליישׁ... דערצו האָט מען דערלאַנגט אַ גרויסען זיסען קוגעל מיט אַ געבראָטענע קישקע... דער משולח ווערט צופּלאַצט עסענדיג, ער קען ניט אנטזאגען דעם גוטען בעל־הבית... נאָכ׳ן בענשען האָט ער זיך קוים אוועקגעשלעפּט אין רום אריין.

עס איז אַוועק אַ פּאָר שעה, הערט דער ישובניק אין דער הויך אַז דער משולח קרעכטשעט... „אַי" זאָגט דער ישובניק צו זיין פרוי שרה: „איך וועל אראָפּגיין זעהן וואָס איז דאָרטען מיט׳ן משולח. ער געהט אראָפּ, עפענט די טיהר: „אַי, געוואַלד!" דער משולח ליגט אויפ׳ן בעט מיט פאַרגלאָצטע אויגען, וואַרפט זיך ווי א שלייען... עס איז געוואָרען אַ טומעל... מען האָט גערופען אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט באַקוקט דעם קראַנקען און געזאָגט אַז עס איז געפערליך, דער קראַנקער האָט אריינגעכאַפּט ניט קיין פרישע עסען און האָט זיך איבערגעפרעסען... דער דאָקטאָר האָט אָנגענומען אַלע מיטלען און עס האָט קיין שום זאַך ניט געהאָלפען. דער משולח האָט זיך געוואָרפען ווי אַ שלייען אין וואַסער און זיך פאַרוואָרפען — געשטאָרבען. מוצש"ק איז דער ישובניק אוועקגעפאָהרען אין שטאָדט בריינגען חברה־קדישא און זונטאָג איז ער געקומען צו קבורה.

דער ישובניק איז געקומען אהיים אַן אומעדיגער, געוואַשען די הענט און אָפּוויסענדיג אין דיינע לאָצען, זאָגט ער צו זיין פרוי: „**שרה, איך האָב היינט** מקיים געווען דריי מצוות!" — „ווי אזוי?" פרעגט די פלנת׳טע — „די ערשטע מצוה איז „הכנסת אורחים" געבראַכט אַן אורח אויף שבת, די צוויי־טע מצוה איז: „בקור־חולים" געבראַכט אַ דאָקטאָר צום משולח, עפּעס אַ קלייניגקייט, דו האָסט דאָך געזעהן, שרה, ווי ער האָט זיך נעבאָך געוואָרפען... און די דריטע מצוה איז „הלוית־המת" געבראַכט איהם צו קבר־ישראל"....

* * *

נאָך דער וועלט מלחמה האָט זיך דער אידישער הימעל אין רוסלאַנד באַדעקט מיט שוואַרצע וואָלקענס, דאָס אידישע שיפעלע האָט זיך געטראָגען אויפ׳ן ים־החיים פון קנאָה, שנאָה און האָס פון די רוסישע כוליגאַנעס „שוואַר־

צע מאַה׳ניקעס״ צום אידישען פאָלק. די ממשלה פלעגט אַלע ווילע אריי־בערגעהן פון איין באַנדע כוליגאנעס צו דער צווייטער; פאָגראָמען זיינען פאָר־געקומען זעהר אָפט; אידישע היימען און געשעפטען צעפּלינדערט, גע׳הרג׳ט, געשאָכטען אויף איטליכען טריט. איז אין יענער פינסטערער צייט ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ מעגליכקייט, איז געלאָפען פון רוסלאנד ווי פון אַ פייער, קיין אמעריקע. איבער דריי מיליאָן אידען, זאָלען געזונט זיין, האָבען זיך דאָן אריבערגעפּעקעלט קיין אמעריקע אין דעם גאָלדען לאַנד. צווישען זיי זיינען געווען אַלע שיכטען פון פאָלק ישראל: אָרטאָדאָקסען, פרייע, ישובניקעס, משכילים, ציונים, חלוצים, אַסימילאַטאָרען, רבנים, אידען למדים, עמי־ערצים, בונדיסטען, סאָציאַליסטען, מיט איין וואָרט, מכל המינים שהוא — אַלע קלאַסען מענשען וואָס אַ פאָלק פאַרמאָגט. גלייך ווי אידען האָבען אָנגעהויבען מאַכען אַ לעבען אין אַמעריקע, האָבען זיי אויך אָנגעהויבען זוכען גייסטיגען, רוחנית׳־דיגען שפּייז. זיי האָבען אָנגעהויבען זיך צו אָרגאַניזירען. די פרומע אָרטאָ־דאָקסישע אידען, אין די בתי־מדרשים און די פרייע, אין קלובען, א.ז.וו. די גרינע אָרטאָדאָקסישע אידען מיט די געלע — האָבען זיך מיט׳ן גאַנצען ברען אריינגעוואָרפען אין קהל׳שע ענינים שלא על מנת לקבל פרס און אָנגעהויבען אַלץ צו אָרגאַניזירען, פאַרשטאַרקען דעם תורה צענטער, שאַפען און בויען אלעס פאַר׳ן גליק פון דאָס פאָלק. פּראַכטפולע קהלות האָט זיך פאַרשפרייט איבער גאַנץ אמעריקע: בתי־תפילות, תלמוד־תורות, ישיבות וואָס גיבען ארויס גרויסע לייט, בקור־חולים׳ס, מושב־זקנים׳ס, אידישע האָספּיטאלס, בתי יתומים׳ס, גמילות־חסדים׳ס און אזוי ווייטער. מיט איין וואָרט אמעריקע די צווייטע ירושלים.

אָבער די ריכטיגע אָרגאַניזאַטאָרס באַגעגענען פיל שטערונגען אויף זייער וועג מצד די „אַלרייטניקעס״, דער אַלרייטניק גיט אויך צדקה, וויל ער אויך זאָגען א דעה, זוכט כבוד, שטופּט זיך פאר א גבאי, פּרעזיהענט, ער האָט פיל געלט, קיין זאַך פעלט איהם ניט, נאָר עס פעלט איהם א ידיעה אין די שוואַר־צע פינטעלאך... אויף דעם ווערט דערצעהלט: אַן אמעריקאנער פּרעזידענט זוכענדיג אין ספרים אלמער, זאָגט צום גבאי: אַ נייער סעט חומשים און שוין פאַרלאָרען געגאנגען דער זעקסטער חומש.. אוודאי דעם שמש ארבייט...

ווען אזעלכע טיפּען כאַפּען זיך אריין אין די שוהלען פאר גבאים, פּרעזי־דענטען, מאַכען זיי אַן גרויסע צרות, אַ חורבן, נייע מנהגים פיהרען זיי איין, וואַרפען אראָפּ אָרטאָדאָקסישע רבנים, חזנים, און פאַרבייטען זיי מיט אַ חזן אַן עם־הארץ, וואָס וויס ניט דעם פּרוש־המלות און דעם אָרטאָדאָקסישען רב פאַרבייטען מיט אַ ראַבּטשיק... אבי ער שפּיטשט אויף ענגליש. פיל מאָל טרעפט אז דער „אַלרייטניק״ אין אמעריקע — האַצקעל געוועזענער לאַטוטניק אין אַלד־קאַנטרי, רייסט זיך צו זיין פּרעזידענט און אום גובר צו זיין זיין „צד״

פאָהרט ער אפילו אום שבת מיט'ן אויטאָמאָביל, צו זוכען אַ וואוט, אָדער „זרח" אָקס, געוועזענער קארעבעלניק אין רוסלאנד, איז דאָ אַ גאַנצער קנאַקער, שוין געוועזען א „גבאי" און ער זאָגט: עס זאָל איהם אפילו קאָסטען א סך, מוז ער זעהן ארויסיאָגען דעם רב, און נעהמען אַ גרעסערען. זרח אָקס וויל זיך אָפּטמאָל ארויסווייזען פאַר אַ למדן: איינמאָל יום־כפור נאָך שמנה עשרה של מעריב דערלאנגט ער א פּאַטש אויפ'ן בימה מען זאָל זאָגען „הלל" — דער שמש האָט געוואָלט פארהיטען דעם גבאי'ס כבוד זאָגט ער איהם: „דער „שלחן ערוך" פּסקנ'ט יום־כפור ניט צו זאָגען „הלל". — „נעווער מאַי, ענט־פערט דער גבאי, דער „שלחן־ערוך" איז ביי מיר קיין מעמבער ניט"...

אָט אזעלכע טיפּען שטופּען ארויס די ריכטיגע אָרגאניזירטע כחות, זיי כאַפּען זיך אריין אין תלמוד־תורה, זאָגען אַ דעה וועגען עברית בעברית... און זיי קלייבען אָפּטמאָל אויס לעהרער... זיי מאַכען אָן מחלקות, רייסען אַרויס די שעהנסטע בלומען מיט די וואָרצלען, וועלכע די פריהערדיגע אָר־גאַניזירטע כוחות האָבען דאָס פארפלאַנצט. (די מעהרהייט קומט דאָס פאָר אין די קליינע ישובים). מיט איין וואָרט אזעלכע מנהיגים איז אַ געשוויר רחמל"צ אויף דעם קערפּער פון אידישען פאָלק. (די גרויסע שטעט האָבען געלערענטע פיהרער און זיי נעהמען די אויבערהאנט און פיהרען איין אַ גוטען סיסטעם אין תלמוד־תורה), אָט אָפּטמאָל אין די קליינע ישובים כאַפּט זיך אריין אַ גוי אַ פּרעזידענט א גרויסער עם־הארץ, טאָ וואָס ווילט איהר, ער זאָל אייך איינ־פיהרען אידישקייט? — נאָך אַ זאַך האָב איך באמערקט אין דער וועסט, אז די שטאָדט וויל אז איין מענש זאָל פארבייטען דריי אָדער פינף; למשל, אָנ־שטאָט נעמען אַ שוחט, ווילען זיי ער זאָל זיין שוחט, מוהל, לעהרער, חזן, בעל־קורא און שמש. געוואלד רבונו ש"ע! איז ער אַ שוחט קען ער דאָך ניט זיין קיין לעהרער, ער האָט דאָך ניט קיין עקספּיריענס. אויב ער פילט אויס ביידע זאַכען איז ער „א שוחט אויף די קינדער און אַ לעהרער פאַר די קעטעל... מיט איין וואָרט עס איז שוין צייט אז דער אמעריקאנער בעל־הבית זאָל פארשטעהן אז מיט די קינדערשע נשמות קען מען זיך ניט שפּילען און מען מוז האָבען צום קינד דעם ריכטיגען „פּעדאַגאָג" — ניט זוכען קיינע מציאות...

מיט'ן אָנקום פון רוסלאנד אין אמעריקע האָבען זיך פילע אידעלאך ארויפּ־געארבייט, זיינען זיי שוין אריבער פון „דאנטאַון" צום „אפּטאון" — אויף דעם דערצעהלט מען אז איינער אַ איד האָט זיך ארויפגעארבייט האָט ער זיך אריינ־געקליבען „אפּטאון" אין א גויאישען אריסטאָקראטישען געגענד. זיי האָבען געביטען זייערע נעמען, ער האָט געהייסען „אָשר" רופט מען איהם יעצט — „ארטור". זי האָט געהייסען „מוסע" רופט מען איהר יעצט „מאַשע" און זייער 8־יאָהריגער אינגעלע סענדער הייסט איצט „אלעקסאנדער". שפּילט ער זיך

איינמאָל, סענדערקע דאָס הייסט אלעקסאנדער, אויף דער גאס, מיט זיינע גוי־אישע חברים׳לאך. עס איז סאַפּער־טיים, געהט ארויס די מאַמע אויף דער וועראנדע, און שרייט אויף קולות: אלעקסאנדערקע, אלעקסאַנדערקע! דאָס איינגעלע איז פארנומען מיט׳ן שפיל און הערט ניט. גיט איהם זיינער אַ חבר אַ שטורך אין פּלייצע. „געה, שמאַראוואַ, דיין יענטע רופט דיך שוין!״...

דריי סאָרטען שוהלען עקזיסטירען אין דעם אמעריקאנער אידענטהום: אָרטאָדאָקסישע, קאָנסערוואטיווע און רעפאָרמירטע. ווען דער איד איז נאָך א בעל-הבית, געהט ער אין דער אָרטאָדאָקסישער שוהל, ווערט ער גביר׳יש, געהט ער שוין אין קאָנסערוואטיווער סינאַגאָגע, און ווען ער ווערט שוין מי־ליאָנעריש ווערט ער אַ מעמבער פון רעפאָרם טעמפּעל.

אין ניו יאָרק איז דאָ איבער פיער הונדערט שוהלען מיט „מנינים״, אין מאָנטרעאל, אויך זייער פיל, ב״ה. איך רעכען אַז פון פיר הונדערט שוהלען קען מען מאַכען הונדערט, ווארום פילע פון זיי זיינען ליידיג. אלע קליינע שולכעלעך קענען אריבער אין די גרויסע שוהלען. זיי מעהרען זיך איבער דעם ווייל די מעהרהייט אידען, זאָלען געזונט זיין, ווילען זיין גבאים און פּרעזידענטען, ווען ער קען ניט אויספיהרען זיין א גבאי אין אַ גרויסער שוהל, זעהט ער מיט אלע מעגליכקייטען דינגען א שטיבעל און זאמעלט צונויף זיין כנופיה און ווערט אַ פּרעזידענט און זיין חבר א גבאַי, און עס איז לעכערליך, ווי זיי זיצען איינג אויף צוויי טשערס לעבען אָרון־קודש און קענען זיך ניט אַ קער געבען אַבי ,פּרעזידענט״ ענד „גבאי״ — אַ קלייניגקייט ...פאַראַנען אייניגע אידען אין אמעריקע, וועלכע באַטראַכטען עס פאַר אַ גרויסען כבוד פאר זיך, ווען זיי האָבען פארבראַכט זייער אַפּרוה־צייט אין אַ „נישט־אידישען״ דאַטשע־פּלאַץ, פאַראַן אייניגע אידען וואָס זוכען דוקא אַ ניט־אידישען האָטעל.

עס איז פאַראַן אייניגע אידען וואָס וואַרפען זיך מיט הונדערטער און טויזענדער אויפ׳ן „רולעטע״ טיש און פאַר פאַגראַמירטע און הונגעריגע, איז שווער ביי זיי עפּעס צו באַקומען.

די אידישע ישובים זיינען צוואָרפען איבער דער גרויסער ברייטער קאַנאַדע. אין א קאַנטרי־שטעטעל ב., וואוינט א איד אַן עושר ב״ה, ער האָט געבויט אַ שוהל, אויך גענומען אַ שוחט פאַר׳ן שטעטעל, מיט איין וואָרט אַן אָרטאָדאָקסישער פרומער איד; ער איז אויך דער מעיאָר פון שטעטעל; אין שוהל, דערצעהלט ער מיר, אז ער האָט געפּראַוועט זיין זוהנ׳ס בר־מצוה, איז געווען זייער אַ גרויסער עולם, פיל געסט פון די ארומיגע ישובים, אויך האָט ער איינגעלאַדען די גוי׳אישע שכנים און באַוויזען זיי זיין רייכטום. אדרבה לאָזען זיי זעהען, זאָגט ער, אז אידען ווייסען ווי צו עהרען זייער רעליגיאָן.

איך האָב ארויסגעזאָגט מיין מיינונג אַז עס וואָלט זיין אויך כשר אָהן די

גוים־געסט... זיי וועלען בלייבען די זעלבע שונאי־ישראל ווי געווען, זיי וועלען נאָר זאָגען אז דער איד וויל זיך נאָר אויספיינען פאר זיי מיט זיין רייכטום, און אויף דעם האָט געזאָגט יעקב אָבינו צו זיינע קינדער: „ויאמר יעקב לבניו למה תתראו, מאכט רש״י למה תתראו עצמכם בפני בני ישמעאל ובני עשו כאילו אתם שבעים כי באותה שעה עדיין היה להם תבואה (בראשית מקץ מב.)״ — „צוליב וואס זאָלען די גוים מיינען אַז איהר זייט זאַט״... דער גביר האָט אויף מיר שטאַרק פאריבעל געהאַט. — און אזוי געהט דאָס ווייטער, דער איד דאַרף האַנדלען מיט די גוים אָרענטליך און פיין, אָבער זיך רייבען די פלייצעס מיט איהם בין איך דאָך ניט מחויב. די אידען אין די קאַנטריס מאַכען זיך ניט זעהענדיג און פריינדלען זיך דוקא צו די גוים. מען גיט אריין, למשל, א נייע רייניגקייט אין שוהל, לאַדעט מען איין אויף דער שמחה דעם גויאישען קאָנסולמען; אַ חתונה — אַ גויאישער פריינט דער הויפט מחותן. היינט וואָס עס טוט זיך אַפּ אין די שטעדט און אין די קאַנטריס מיט'ן יום־טוב „קריסטמאַס״. אין איניגע אידישע הייזער פראַוועט מען דעם יום־טוב א סך שעהנער ווי ביי די גוים. און דאָס אלעס פיהרט צו אַסימילאַציאָן... די בור־זשואַזנע אַמעריקאַנער עלטערען גיבען נאָך זייערע קינדער אין זייערע קאַפּ־ריזען, כאַטש זיי זיינען זיי מדריך רעליגיעז... דעם בענעלע פארווילט זיך אַ שיקסע פאר אַ ווייב, שטעלט זיך ניט דער פאַטער אין וועג, נאָר ער זעהט אַז זי זאָל זיך מגייר זיין און דאַן איז כשר...אָבער וואָס פאר אַ לעבען קען פאַרקומען צווישען אַזאַ פּאָרעל? ביידע קומען פון צוויי באַזונדערע לאַגערען, צוויי פארשידענע עלעמענטען, אז מען פארפלאַנצט צוויי בלומען, פון צוויי פארשידענע קלימאַטען, וועלען זיי לאַנג צוזאַמען ניט וואַקסען, איינע פון זיי וועט געוויס שטאַרבען. אפילו זאָגאַר ווען די וועלט זאָל שוין ווערען אזוי פאַרגעשריטען, אַז די רעליגיעזע פראַגע זאָל אין גאנצען אונטערגעהן, איז נאָך דאַן אויך. פאַראַן אַ גרויסער צווייפעל אויב צוויי פערזאָנען פון צוויי געווע־זענע באַזונדערע ראַסען זאָלען קענען הארמאָנירען צוזאַמען.

דאָ אין אמעריקע הערשט איצט רחמל״צ איין עפּידעמיע פון „גרות״— דעם מעוט פון אידישע בחורים קלייבען אויס קריסטליכע מיידלאך פאר פרויען און ע״פ דת משה וישראל נעמען זיי אָן דעם אידישען גלויבען. עס פאר־שטעהט זיך ווען עס וואָלט אויסגעקומען די קריסטליכע מיידלאך מוסר נפש זיין זיך פאר אמונת ישראל, וואָלטען זיי אודאי ניט וועלען, אָבער צוליב אַ גרינגען לעבען מיט א שעהנעם בחור אַ פארדינער, ווארום ניט?! דאָס איז ניט אַמאָליגע גרים און גרות פון די צייטען פון נעראָן קיסר וואָס זיינען גע־גאַנגען מיט אַ שמייכעל אויף די ליפען אין פייער און אין פלאַם פאַר אונזער הייליגער אמונה.

עס טרעפט אויך אַז מען נעמט אַ גוי אויף קעסט... פרעגט זיך די שאלה

ווארום איז די אידישע יוגענט אזוי בלינד געוואָרען? „האין בבנות אחיך ועמך בנות כי אתה הולך לקחת אשה מן הערלים?״ (שופטים יד׳ „ג״) — איז ניטאָ אונטער די טעכטער פון דיינע פריינט אָדער אינם גאנצען פאָלק אַ יונגע פרוי, וואָס דו געהסט נעהמען אַ פרוי א גויה... אַזאַ שטראָם פון אַסימילאַציאָן וואָס פאר׳סם׳ט דעם אידישען לעבען קענען אָפהאַלטען נאָך דורך פראָפאַגאנדע, אויפטרייסלונגען, אויפוועקען דעם קורצזיכטיגען בחור, און אויפווייזען די געפערליכע סכנה, וואָס פאר אַ מוטער און וואָס פאר אַ חנוך קען געבען א גויה...? ווען מען גיט איהם אַ טרייסעל, טרייסעלט מען אויף און מען האָט פאר זיך דעם זעלבען אידען מיט דער זעלבער אידישער ווארים־קייט וואָס אמאָל, איינגעהאַלטענקייט פון „לא תחמד״ ווי אַ מאָל.

עס איז דאָ מענשען וואָס זיינען קראַנק מיט קדחת־קראַנקהייט אז זיי ווייסען גאַרניט זייער מצב און די מיתה קומט זיי אָן לייכט, גרינג, אין א קורצער צייט שטאַרבען זיי אָפּ. אויך איז דאָ מענשען וואָס זייער טויט קומט זיי אָן שווער און ביטער, מוטשענען זיך, נעבאך, זייער קראַנקהייט איז: חולי־הריאה״ אָדער „מחלת הסרטן״ (קאַנסער), זיי ליגען אָפּ אויפ׳ן קראַנקען בעט חדשים און יאָהרען־ווייז, און זייערע יסורים זיינען גרויס און זוכען דעם טויט. — אזוי ווי מיט אַ פריוואַטען מענשען, אזוי איז מיט אַ גאַנץ פאָלק. עס זיינען געווען פעלקער וואָס זייער טויט איז געווען אַ גרינגער, זיי זיינען געווען איינגענומען פון גרעסערע און שטאַרקערע פון זיך פעלקער. זיי האָבען ניט געדארפט פיהרען קיין שום קאַמף פאַר זייער נאַציאָנאַליטעט, ווארום אין אַ קורצער צייט זיינען זיי אוועק מיט׳ן שטראָם פון אסימילאַציאָן: שוואַכע אין גייסט האָבען זיי זיך אָפּגעלערענט די מעשים און מנהגים פון זייערע באַ־קעמפער, איבערגענומען זייערע טראדיציעס, שפראַך, ליטעראַטור מתחתן געווען זיך מיט זיי און צונויפגעגאָסען זיך מיט זיי אין איין פאָלק. די מיתה איז אַ גרינגע. דעריבער באַמערקען מיר צווישען גרויסע פעלקער וואָס לעבען מיט אונז, געפינט זיך א בלוט צומישונג פון אנדערע פעלקער. די דייטשען זיינען ניט ריין אירישע, די פראַנצויזען זיינען ניט ריין פראַנצויזישע וכ׳ די פעלקער די שטאַרקערע וואָס האָבען איינגענומען די שוואַכערע — האָבען זיך די שוואַכערע אסימילירט צווישען זיי און געוואָרען א ביין און בלוט פון זייער בלוט. אמת, עס איז דאָ אויך פעלקער וואָס זייער גסיסה איז א שווערע; זיי ווילען ניט איינגעשלונגען ווערען אין א בויך פון אַ פרעמדען פאָלק, זיי קעמ־פען עקשנות׳דיג ביז׳ן לעצטען טראָפּען בלוט פאַר זייער עקזיסטענץ—לאַנד, שפראַך און קולטור, דערפאר ליידען זיי גרויסע צרות און עגויים קשים. — צו אַזאַ פאָלק באַלאַנגט דאָס אידישע פאָלק. דערפאַר רופט זיך אָן אונזער פאָלק: „עם קשה ערף״. אין פייער און אין פלאַם געהט דאָס פאָלק דורך אין פינסטערען גלות פאר זיין אמונה, פאר זיין תורה, פאר זיין הייליגע סחורה

און בלייבט אן עם־נצח, — כסלע איתן בלב ימים אשר כל הרוחות והסערות אינן יכלות לזוז אותו ממקומו — ווי א סקאַלאַ אינמיטען ים בלייבט דאָס פאָלק שטיין און קיינע ווינטען און קיינע שטורעמס קענען איהם ניט ריהרען פון אָרט. (ניט קוקענדיג אויף דערויף וואָס אסימילירטע פארפוילטע צווייגען פאַלען אָפּ פון דעם אלטען שטאַרקען בוים ישראל־סבא) — היהדות איז איינגעוואָרצעלט טיף אין דאָס אידישע האַרץ און דער נאַציאָנאַליזם שלאָגט טיפע וואָרצלען אין די הערצער פון אידישער יוגענט. דער איד ווען ער זאָל וועלען זיך אסימילירען קען ער אויך נישט. א געהיימע קראַפט שטופט איהם אָפּ צוריק אין לאַגער פון א איביגען איד. — עס איז דאָ אייניקע וואָס זיינען געוואָרען קריסטען און געהאָפט אז אסימילאַציאָן וועט לייזען די אידישע פראַגע און זיי וועלען זיך פילען גוט אין קריסטליכע קאָמפּאַניעס, אָבער אומזיסט איז געווען זייער האָפנונג, אזעלכע מענשען זיינען געבליבען הייגען צווישען הימעל און ערד; פון אידען זיינען זיי אָפּגעריסען געוואָרען און צו די גוים האָבען זיי ניט געקענט זיך צו פּאַסען; זיינען זיי געבליבען קרח מכאן וקרח מכאן. א געטויפטער האָט ביי דעם קריסט קיין שום ווערדע ניט, דער קריסט רופט אַן אַזאַ אידען מיט׳ן נאָמען „שמוציגער־איד!״ — אויך גרויסע אידישע מענשען זיינען דורכגעפאַלען מיט דעם וואָס זיי זיינען געוואָרען קריסטען, למשל: היינע, בערנע, פּראָפעסאָר כוואָלסאָן וכ׳; ניט קוקענדיג אויף דערויף וואָס היינע, בערנע האָבען געשאַפען אין דייטשער ליטעראַטור א שעהנע קלאָהרע שפּראַך, אָבער ווי גרויס איז דער טרויער און בייגקשאַפט אין זייער ליטעראַטור נאָך יודאַאיזם, וועלכער באַגלייט זיי שטענדיג. דער אידישער פולס קלאַפּט און זייערע יסורים, ווייטאָגען זיינען גרויס. זייער פּיין שניידט ביים האַרצען, זיי האָבען געפּירט א שטאַרקען קאַמף פאַר יהדות אפילו דאַן ווען זיי זיינען ארויס פון אידענטום, אזוי האָט געשטרעבט די נשמה פון פּראָפעסאָר כוואָלסאָן צו יודאַאיזם, דאָס זאָגען עדות זיינע ווערק וועלכע ער האָט פאַרפאַסט אַנטקעגען „עלילת־דם״ — ווען די אַלע גרויסע אויבענדערמאָנטע מענשען ריידען אין זייערע ביכער וועגען זייטיגע פראַגען דאַך קעהרען זיי זיך אום צום ענין וועגען יהדות. — מיט איין וואָרט אַן אומגליקליכער מענש אויף דער וועלט איז דער אסימילאַטאָר, ער רופט זיך „חי—הנקרא מת״ — א לעבעדיגער־טויטער.

אויך דאָ א מעוט יונגעלייט וואָס פאַלען אריין אין נעץ פון מיסיאָנערען און ווערען משומדים, (זיי גייען ארויס לתרבות רעה איבער אונזער נאַכלעסיגקייט, וואָס מיר זיינען זיי ניט מחנך פון קינדווייז אַן בדרך התורה והיראה).

אך לא אלמן ישראל, עס איז אויך דאָ א שטאַרקער נערוו ביי אונזער פאָלק, דאָס זיינען די חלוצים, וועלכע זיינען באַשאַפען געוואָרען אויפצוטאָהן

גרויסקייט, אייביגקייט. וואָס מיינט חלוץ? חלוץ מיינט: אַ יונגערמאַן וואָס האָט זיך געווידמעט צו ארץ ישראל מיט זיין גאַנצען לעבען, קרעפטען און ענערגיע. אזעלכער וואַרפט אוועק אַ קאַריערע, פאַרלאָזט אָפטמאָל זיין רייכע היים, זיין גרינגע פּראָפעסיע און פאָהרט אוועק אין ארץ ישראל צו טאָהן אלע שווערע ארבּייטען, ווי: באַארבּייטען ערד, מאַכען שאָסייען, גראָבּען בּרונימער, האַקען שטיינער, מישען צעמענט און נאָך אזעלכע שווערע ארבּייטען, פאַר וואָס לוין געגוג קוים דעם לעבּען צו דערהאַלטען, מיט אַ שטיקעל בּרויט, און אַן אוגערקע, אָדער א ציבּעלע, טאָג־איין, טאָג־אויס. געהן נאַקעט און בּאָרוועס און שלאָפען אין אַ בּאַראַק. פון זיי האָבּען מיר „שומרים״ (וועכטער) וואָס פאַרטיידיגען אידישע פעלדער און וויינגערטנער, שייער׳ן און בהמות געגען די אַראַבּישע און בּעדואינישע גנבים—אָנפאַלער, און זיי זיינען עס געוועזן די, וועלכע האָבּען מוטיג באשיצט אידען, אין די אַראַבּישע אָנפאַלען. די חלוצים גיבּען זיך אָן אַלס פרייוויליגע סאָלדאַטען, און עס ווערט פון זיי אָרגאַניזירט ריין־אידישע בּאַטאַליאָנען צו העלפען ענגלאַנד אין איהר קאַמף מיט׳ן שונא. אזעלכע בּראַווע יונגעלייט אויך מיידלאך (חלוצות) גרייטען זיך צו אין די הונדערטער נאָך זייענדיג אינדערהיים: אין פוילען, ליטע, רומעניע, גאַליציע, און אפילו אין אמעריקע און קאַנאַדע אויך — כאָטש אין א פיל קלענערער צאָהל.

און בּיסלעכווייז, בּיסלעכווייז וועלען אונזערע אידען שטראָמען קיין ארץ ישראל צו אונזער מוטער־ציון און עס וועט ווערען א מדינת־היהודים אויף ריכטיגע יסודות, מיר וועלען אויפהויבּען אונזער גייסטיגען צענטער אין פּאַלעסטינע, און אונזער „מיסיע״ וועט אָפקלינגען אין דער וועלט. און ווען עס וועט עקזיסטירען בּיי אונז אַ גאַנץ אידיש פאָלק, ווען עס וועלען ניט זיין קיין שפּאַלטונגען אין אונזער פאָלק (אין דער פאַראייניגונג ליגט זיין קראַפט., דאַן וועט דאָס פאָלק ישראל, וואָס קוועלט מיט זיינע הויכע אידעאלען ווי א קוואַל, ווערען דער משיח פון פעלקער.

* * *

די „נפילים״
פון אונזער פאָלק.

# יוחנן - הורקנוס - קיסר וכהן גדול נעשה לצדוקי.

דאָס איז יוחנן דער זוהן פון שמעון און דער אייניקעל פון מתתיהו הכהן לבית חשמונאים, און ער רופט זיך הורקנוס דער ערשטער אין אָנדענק פון דעם זיעג איבער קריגס־פיהרער קנדביוס פון בירקאיא. ער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר ג׳א תקפ״ה און געשטאָרבען אין יאָהר ג״א תקנ״ו (175—104 קמה״נ), יוחנן האָט געוועלטיגט אויף יהודא, אויך אלס כהן גדול איז ער געווען אין די לעצטע דרייסיג יאָהר פון זיין לעבען. ער האָט איבער־געלאָזען פינף קינדער, צוויי פון זיי אריסטובול ואלכסנדר זענען דערנאָך געוואָרען מלכי יהודא. יוחנן־הורקנוס האָט זיך בארימט געמאַכט, ווייל ער האָט ברייט געמאכט די גרעניצען פון יהודא, האָט פארטיליגט די שומרונים און געצייגט די אדומים אָנעמען די אידישע אמונה. — דער ספר היוחסין זאָגט אויף איהם: „זה היה ראוי לכהונה והיה נביא״ — דער איז געווען ווערט צו זיין א כהן גדול און געווען אַ נביא.

דער אָנפאַנג פון זיין קעניגרייך איז פארגעקומען אזוי: שמעון הנשיא דער לעצטער פון די פינף קינדער בני מתתיהו המכבים האָט צו דער עלטער אויפגענומען יוחנן זיין זוהן ער זאָל פיהרען אַ קאַמף מיט שונאי־ישראל פאַר זיין פאָלק און לאַנד. אז יוחנן איז געווען אין גזר האָט מען איהם דערצעהלט אַז זיין פאָטער איז פאַרנאַרט געוואָרען און דער׳הרג׳עט געוואָרען דורך בעטרוג פון זיין איידים תלמי בן חביב, דער מאַן פון יוחנן׳ס שוועסטער. פון אָנפאַנג האָט יוחנן געוואָלט נעהמען ראַכע פון זיין שוואָגער פאַר׳ן טויט פון זיין פאָטער און האָט באַלאַגערט דעם קרעפּאַסט, וואו עס איז געווען תלמי פארשפאַרט, אָבער תלמי דער רשע האָט יעדעס מאָל ארויסגעפירט אויף דער פעסטונג־וואַנט זיין געפאַנגענע שוויגער, הורק׳נוס׳עס מוטער, און האָט גע־סטראַשעט איהר צו טויטען, אויב הורקנוס וועט מאַכען אַן אַטאַקע, האָט דאַן הורקנוס מיטגעפילט דער מוטער, ניט קוקענדיג וואָס זי האָט געבעטען ער זאָל ניט קוקען אויף איהר פיין; דאַך אין ער אוועק פון באַלאַגערונג און זיך אומגעקערט קיין ירושלים. דער סוף איז געווען אז ווען דער פאַררעטערישער תלמי, וועלכער איז פארלאָזען געוואָרען פון זיינע פאַרבינדטע, די סיריער, איז אַנטלאָפען פון יהודא, נאָר פאר זיין אנטלויפען האָט דיזער בלוט־דורשטיגער מענש געהייסען טויטען הורקנוס׳עס מוטער. אין יאָהר ג״א תרכ״ה (135 קמה״נ) איז אָנגעפאַלען אנטיוכוס סידיטוס אויף יהודא און איינגענומען פילע שטעט און באַלאַגערט ירושלים פיל צייט. די איינוואוינער האָבען זיך גוט

פארטיידיגט, נאָך הורקנוס האָט געזעהן אז עס איז אומעגליך שטיין אַנטקעגען איהם, האָט ער זיך א קעהר געטאָן צו שלום און געבעטען איהם שטאָפּן די מלחמה — האַלטען אויף אַכט טעג סוכות. אנטיוכוס האָט דערפילט זיין בקשה און האָט געשיקט בקר וצאן פאר יום־טוב׳דיגע קרבנות און זייערע הערנער זיינען געווען באַדעקט מיט גאָלד און גאָלדענע שיסלאָך, און געלט מיט קטירות, און שפייז פאר׳ן חיל. דערפון האָט פאַרשטאַנען הורקנוס אז אנטיוכוס וויל שלום. און עס איז פארגעקומען צווישען זיי אדורכרייד, און הורקנוס האָט געקויפט דעם שלום פאר פינף הונדערט ככר זילבערנע. אויך האָט הורקנוס געמאכט שלום מיט רוים, און די עלטערע פון סענאט רוים האָבען גענייגט אנטיוכוס׳ן אָפּגעבען צוריק הורקנוס׳ן די איינגענומענע ערטער וואָס זיי האָבען פארכאַפּט און פארזאגט אנטיוכוס׳ן ער זאָל ניט וואַגען דורכגיין מיט זיין חיל דורך דאָס אידישע לאַנד. אנטיוכוס איז דערנאָך געפאַלען אין מלחמה מיט די פרתים און הורקנוס האָט דערפילט די פרייהייט, פאַנאַנדערגענומען די הענט, באַנוצענדיג זיך מיט זיין מפלה, האָט ער פארבערייטעט די גרעניצען פון יהודא און געמאַכט איהר פראַכטפול. (123 קמה״נ).

דאָן אין יענעם יאָהר האָט ב״ד הגדול בירושלים זיך געווענדעט מיט א בריף צו די אידען וואָס וואוינען אין מצרים אז זיי זאָלען אויף זיך ארויפנעמען

צו פייערען ימי חנוכה מיט לויב צו גאָט פאַר דער הילף דורך די מכביים, וואָס זיי האָבען געראַטעוועט דאָס פאָלק פון יון הרשעה.

הורקנוס האָט געזעהן א זיין מצב איז ניט שטאַרק כל זמן די ארומיגע שכנים האָבען איהם פיינט מיט זיין פאָלק, האָט ער באַשטימט זיי איינצונעמען. א כעס האָט ער געהאַט אויף די שומרונים, וועלכע האָבען געשטערט די בני הגליל דורכגעהן דורך זיי עולי־רגל זיין. האָט ער געדונגען סאָלדאַטען פון פרעמדע פעלקער און איינגענומען די שטעדט: שכם, מידבא און צופירט זייער שומרונ׳ר בית־המקדש על הר־גריזים. (בערך 120, קמה״נ), וואָס האָט עקזיס־טירט כמעט 300 יאָהר. (נאָך נוסחת יוחסין השלם ר׳ שנה), וועלכער איז גע־ווען א שטרויכלונג פאַר די אידען א לאנגע צייט. נאָך די מסורת חז״ל האָט נאָך אלכסנדר מוקדן חרוב געמאַכט דעם בית־המקדש של שומרונים, אין די צייטען פון שמעון הצדיק (יומא ס״ט) האָט מען קבע געווען יענעם טאָג כ״ה שבט ליו״ט ניט צו וויינען און פאַסטען אין איהם. (מגלת תענית פ״ט) און אפשר האָט מען איהם נאָך אמאָל אויפגעבויט און הורקנוס האָט נאָך אמאָל חרוב געמאַכט. אָדער עס קאָן געמאָלט זיין אז עס איז איבערגעביטען געוואָרען נאָך חז״ל הורקנוס אָדער יוחנן בשמעון הצדיק.

דערנאָך האָט הורקנוס איינגענומען די אדומים, זיי געצוואונגען אָנצונע־

מען די אידישע אמונה און זיך צונויפגיסען מיט דאָס אידישע פאָלק. די אדומים האָבען ניט געוואָלט אויסגעריסען ווערען פון זייערע איינגעזעסענע ערטער און אָנגענומען לפנים אידישקייט. דער שלום האָט קיין שום ממשות נישט געהאט, די אדומים האָבען שפּעטער געהאָלפען די רוימער אראָפּוואַרפען די חשמונאים און צושטערען די אידישע מלוכה. אייגענטליך האָט דאָ דער גרויסער הורקנוס געמאכט א גרויסען פעהלער. על פי דין האָט ער דאָס נישט געטאָרט טאָהן, צום ערשטען מאָל האָט זיך די אידישע אמונה אָנגעוואָרפען אויף יענעם מיט געוואַלד; אונזער תורה וואָרענט אונז זיך ניט נאָכצוּיאָגען נאָך גרים, „תנו רבנן גר שבא להתגייר אומרין לו מה ראית שבאת וכ׳; (בפרק עשרה יוחסין בגמרא כל האסורין. קדושין עו) אַז א גר וויל זיך מגייר זיין, פרעגט מען איהם וואָס האָט איהם געבראַכט דערצו וואָס ער וויל זיך מגייר זיין? דער תנ״ך דערצעהלט אונז אין „רות״ אז נעמי האָט אָפּגערעדט איהרע צוויי שניר אָנצונעהמען דעם אידישען גלויבען, און אויף ערפ׳ן האָט זי געווירקט אָבער „רות״ איז פאַרבליבען אנג׳עקשנ׳ט און געזאָגט: „מוטער, בעט מיך ניט איך זאָל דיך פאַרלאָזען, וואו דו וועסט געהן, וועל איך געהן; וואו דו וועסט נעכטיגען, וועל איך נעכטיגען, דיין פאָלק איז מיין פאָלק; דיין גאָט איז מיין גאָט; דאָרט וואו דו וועסט שטאַרבען, וועל איך שטאַרבען און דאָרט וועל איך באַגראָבען ווערען, זאָ העלף מיר גאָט, אז נאָר דער טויט קאָן אונז פאַנאַנדערשיידען״. זעהן מיר פון דערפון ארויס אז מיר אידען יאָגען זיך ניט נאָך גרים. נאָר ווי מיר פאַרשטעהן, האָט הורקנוס געוואָלט צווינגען די אדומים אָנצונעמען אידישקייט איבער דעם כדי זיי זאָלען ווערין פון שונאים אונזערע פריינט, נאָר דאָס איז געוועזן א גרויסער „טעות״. הורקנוס קינדער זיינען אויך געוועזן גרויסע העלדען, ער מיט זיי און זיין חיל האָבען באלאגערט שומרון, ער האָט די קאָמאַנדע איבערגעגעבען צו זיינע קינדער און ער האָט זיך אומגעקערט אין ירושלים לשרת ביוה״כ. וועגען דעם יוהכ״פ דערצעהלט זיך אין תלמוד: „יוחנן כ״ג שמע בת־קול מבית קדש הקדשים (בעת הקטירו קטרת לפני ולפנים) שהוא אומר נצחו טליא דאזלו לאַגחא קרבא לאנטוכיא (הרכבי גורס אנטיוכוס, כי הוא בא מציזיקה לעזר לעיר הנצורה). וכתבו אותו היום ואותה השעה, והיה כן ובאותו היום נצחו). סוטה ל״ג, שה״ש רבה פ״ח ז׳)—יוחנן כהן גדול האָט געהערט א בת קול פון קדשי קדשים וואָס זאָגט: „די אידישע פרינצען האָבען גובר געוועזן״. אַ גענעראל אפיקרט וואָס האָט באַלאַנגט צום חיל פון אנטיוכוס׳ן האָט בוגד געוועזן אין איהם און האָט איבערגעגעבען צו די אידען בית־שן און נאָך אנדערע שטעדט; און באלד האָט מען איינגענומען שומרון, קיין שטיין איז פון דער שטאָדט ניט געבליבען. (110 קמה״נ) אָט די פּאַסירונג ווערט דערמאָנט במגילת תענית. מען האָט אָפּגעשטעלט יו״ט „בחמשה עשר ביה (סיון) ובששה עשר

ביה גלו אנשי בית שאן ואנשי בקעתא (בקעת יהודא והוא עמק יזרעאל), בעשרים וחמשה ביה (מרחשון אחידת שמרון — שורא). — די גבורות פון די אידען האבען געווארפען א מורא אויף אלע פעלקער, און זיי האבען געשפילט די גרעסטע ראָלע אין יהודא און אין מצרים. יוחנן הורקנוס האָט אויך ארויס־געלאָזט זיינע מטבעות, אויף וועלכע עס איז געווען אויסגעקריצט זיין נאָמען ווי א כהן גדול און א נשיא פון דער גאנצער אידישער עדה.

* * *

# תקנות הורקנוס.

יוחנן־הורקנוס אלס גרויסער געלערענטער האָט מתקן געווען, אויך מיט דער הילף פון די פרושים — סנהדרין — פילע תקנות: „הוא בטל הוידוי וגזר על הדמאי לפי ששלח בכל גבול ישראל וראה שאין מפרישין אלא תרומה גדולה בלבד, ומעשר ראשון ומעשר שני מקצתן מעשרין ומקצתן אין מעשרין. וכ׳ עמד והתקין להם הלוקח פירות מע״ה מפריש מהם מעשר ראשון ומעשר שני וכו׳ ״—יוחנן כהן גדול האָט מבטל געווען פון זאָגען די פסוקים פון פרשת כי־תבוא (בערתי הקדש וג׳) וועלכע זיינען געווען פאַרגעשריבען פאַר אַלע וואָס האבען געבראכט דעם מעשר. דאָס הייסט „העביר הודיית המעשר״ — אזוי ווי ער האָט ארויסגעשיקט שלוחים איבער די שטעדט צו זעהן צו דער עולם גיט מעשרות אויף אַ ריכטיגען אופן, האבען די שלוחים געבראכט א ידיעה אז די פויערים אין ארץ ישראל גיבען נאָר בלויז די תרומה גדולה, וועגען וועלכער עס איז ניט געווען באשטימט וויפיל מען זאָל געבען, און מען פלעגט געבען א פופציגסטען טייל ביז צו א דרייסיגסטען טייל פון אלע תבואות און פירות, דאָס הייסט פון צוויי פראָצענט. האָט יוחנן דאָס געהערט האָט ער געמאכט א תקנה אז ווער עס וועט קריגען תבואה אָדער פירות ביי א פויער אַן „עם־הארץ״ זאָל ער נישט פרעגען, צי עס איז געגעבען געווארען פון דעם מעשר — ווייל ער איז סיי־ווי מחויב צו געבען די געהעריגע מעשרות און מען טאָר נישט דעם „עם־הארץ״ גלויבען, ווען ער זאָגט אפילו אז עס איז שוין געגעבען געווארען מעשר. אייגענטליך ווארום איז הוקנוס געווען אזוי שטריינג צום קלאַס ערד־ארבייטער? וועלכע האבען מיט זייער קער־פערליכען שווייס און מאַזאָליעס אויף די הענט פאַרדינט זייער ברויט. איז דאָס פארגעקומען איבער דעם ווייל די שטילע ערד־ארבייטער האבען ניט ליב

געהאט קיינע מלחמות, נאָר אין אַ צייט פון אַ סכנה זיינען זיי אלעמאָל ארויס ווי איין מענש און פאַרטריבען דעם שונא. (ע״ע ספר פלאַוויוס „נגד אפיאן) עס ווייזט אויס האָבען די אידישע פויערים ניט געגליכען א „מיליטערישען קלאַס״. הורקנוס האָט געמוזט צודינגען חיל פון פרעמדע פעלקער זיך צו באשיצען געגען אַנפאַלען און אויך צו פאַרגרעסערען די גרעניצען פון זיין לאַנד. כדי צו ווערען שטאַרק און מעכטיג. צוליב דעם האָט מען געמוזט האָבען פיל געלט אויסצוהאלטען די גאַרניזאָנען, דערפאַר האָט הורקנוס ארויפגעלעגט אויף דאָס פאָלק גרויסע שטייערען. אין דער משנה סוף מעשר שני און סוף סוטה ווערט געבראַכט וועגען הורקנוס „ומימיו לא היה אדם צרך לשאל על הדמאי״ און פון זיינע צייטען אָן האָט קיינער זיך נישט געדארפט פרעגען אויב מען האָט פון תבואה גענומען מעשר. דער ירושלמי מאַכט א באמערקונג אויף דערויף: „מעשר שני״ — „שהיו נוטלים בזרוע״, אז הורקנוס האָט גענומען פון יעדען אידישען ערד־ארבייטער מעשר פון זיין תבואה מיט געוואלד. די פויערים האָבען זיך געבונטעוועט, אָבער אומזיסט.

הורקנוס האָט אויך בטל געמאכט, וואָס די לוים פלעגען זינגען ביי דער עבודה דעם צוואַנציג פערטען פסוק פון קאַפיטעל מ״ד אין תהילים „עורה למה תישן ד׳״ — די לוים פלעגען זינגען דאָס בעת אלע פעלקער האָבען גוט געלעבט און אידען שלעכט געלעבט. האָט ער געזאָגט צו זיי, איז דען שייך צו זאָגען אז עס איז דאָ שלאָף פאַר גאָט (וכי יש שינה לפני המקום וכ׳. משנה סוטה מ״ז).

עד ימיו היה פטיש מכה בירושלים (משנה סוטה עמוד א׳ מז׳) הנפחים היו מכים בפטיש בחוה״מ במלאכת דבר האבוד, וגזר הוא אפילו בדבר האבד (רש״י שם) — ביז יוחנן׳ס צייטען פלעגט מען אין ירושלים עפענטליך ארביי־טען אום חול המועד פון א יום טוב און דאָס קלאַפען פון די האמערס פלעגט זיך הערען אין אלע ווינקלען. האָט יוחנן געזעהן אז דאָס איז אַ פאַרשווע־כונג פון דער הייליגער שטאָדט — און ער האָט פאַרבאָטען.

ורב יהודא אמר שמואל מפרש „הנופקים״, שהיו מסרטין לעגל בין קרניו כדי שיפול דם בעיניו (ואינו רואה בעת ששוחטין אותו) אתא איהו בטיל משום דמיחזי כי מומא (סוטה מ״ח).—נאָך א וויכטיגע תקנה האָט יוחנן כהן גדול איינגעפירט ביי די קרבנות. ביז צו זיין צייט פלעגט מען ביים מקריב זיין א קרבן אַ שניט טאָהן דער בהמה מיט א שארפער כלי צווישען די הער־נער, דאָס בלוט זאָל איהר פאַרגיסען די אויגען, כדי צו קענען זי דערנאָך לייכטער בינדען, האָט יוחנן געזאָגט אז דאָס הייסט „מטיל מום בקדשים״, ווייל דער שניט בעפאָר די שחיטה קען לעכערען דעם מח פון דער בהמה און

מאַכען דעם קרבן טרפה, האָט דאַן יוחנן מתקן געווען צו מאַכען רינגען אויף אריינצוטוהן דעם האַלז פון דער בהמה, כדי צו קענען זי אויף אַזאַ אופן אומ־וואַרפען.

א וויכטיגע אינסטיטוציע איז געשאַפען געוואָרען אין דער צייט פון יוחנן הורקנוס — דעם סנהדרין, אָדער בית־דין הגדול — א מלוכה־ראַט פון 71 מיטגלידער, וואָס פלעגט ארויסגעבען געזעצען אויפ'ן גרונט פון דער תורה און פלעגט אָנטשיידען וויכטיגע משפטים. הורקנוס האָט געהאַלטען שטאַרק מיט די פרושים, צו די צדוקים האָט ער אָפּגעגעבען אָרט נאָר אין פיהרונג פון דער מדינה; און שופטים ומורי הדת האָט ער אָנגעשטעלט פון די פרושים, ויתן תוקף להסנהדרין; הורקנוס האָט זיך געהאַט די פעהיגקייט מיט אלע כתות מיט גוטען, זיין מיט זיי א מיט־ברודער, ער האָט געהאַלטען דעם וואָגשאָל — דעם רסן הממשלה—גלייך, עס זאָל זיך ניט איבערציהען דער גלייכגעוויכט.

* * *

## דער איבערגאַנג פון יוחנן־הורקנוס — קיסר וכהן גדול אויפ'ן זייט פון די צדוקים און זייער איינפלוס אויף דער ממשלה

איין פאַסירונג האָט געטראָפען וועלכע האָט איבערגעריסען די פריינד־שאַפט פון יוחנן־הורקנוס קיסר וכהן גדול מיט די פרושים און ער איז אריבער אין גאַנצען אויפ'ן זייט פון די צדוקים. די געשיכטע איז אַזוי פאָרגעקומען: יוחנן־הורקנוס האָט געהאַט מעהר סימפּאַטיע צו די פרושים ווי צו די צדוקים, און אַזוי ווי די צדוקים זיינען געווען זעהר רייכע לייט און מיוחסים האָבען זיי געוואָלט האָבען א גרויסען איינפלוס אויפ'ן גאַנג פון דער מלוכה, האָבען זיי אָנגערעדט הורקנוס'ן אז די פרושים זיינען ניט צופרידען מיט זיין רעגי־רונג. יוחנן־הורקנוס האָט דאָס געוואָלט אויספאָרשען צי דאָס איז ריכטיג.

בשעת יוחנן האָט צוקלאַפּט אַלע זיינע שונאים בעבר הירדן האָט ער זיך אומגעקעהרט אין ירושלים ווי אַ באַזיגער. ער האָט געמאכט אַ מאָלצייט פאַר אַלע האַרן און קנעכט. עס זיינען געווען איינגעלאַדען אַלע פּרושים און צדוקים, ווען דער עולם איז געווען פרעהליך וכטוב לב המלך והמסובים ביין דאַן האָט זיך הורקנוס־קיסר וכהן גדול זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט: „אויב איינער פון די אַנגוועזענדע קען באַווייזען אַז איך האָב אַלס נשיא אָדער כהן גדול געהאַנדעלט געגען געזעץ, דאַן זאָל ער האָבען דעם מוטה אויפצושטעהן און מיר ערקלעהרען״. דעמאָלט האָט איין אַלטער מאַן מיט׳ן נאָמען יהודה „בן גדידיה״ אַ פּרוש, זיך אוועקגעשטעלט און געזאָגט: „אויב דו נשיא ווילסט זיין ערליך, דאַן באַנוגען זיך מיט דער קרוין פון נשיא און זאָג זיך אָפּ פון דער כהונה גדולה, וואָרום דיין מוטער איז אמאָל געווען געפאַנגען ביי געצענדינער. (די זיהן פון קריגס־געפאַנגענע פרויען האָבען ניט געטאָרט זיין קיין כהנים). הורקנוס האָט זיך באַליידיגט פון די דאָזיגע ווערטער, און די צדוקים האָבען אונטערגעלייגט אַ פייערל; האָט ער דאָס אַלעס איבערגעגעבען צו די סנהדרין (פּרושים) זיי זאָלען אַלעס חוקר ודורש זיין און עס האָט זיך ארויסגעוויזען אַז דאָס איז ניט ריכטיג; און די סנהדרין האָבען איהם אָפּגע׳משפּט צו געבען פערציג מלקות חסר אחת, אַזוי ווי דער דין איז „המוציא שם רע על חברו״. דאַן האָט דער צדוקי דער העצער אליעזר בן פּועירה געזאָגט צום קיסר ביי אַהדיוט איז אַזוי דער דין „המוציא שם רע״ אָבער ניט ביי אַ קיסר, און אַלע צדוקים האָבען געהעצט און איהם געזאָגט: „זעה ווי דיין כבוד איז נידעריג ביי די פּרושים, זיי איז אַלץ איינס צו מען באַרעדט אַ פּראָסטען מענשען צו אַ קיסר וכהן גדול, דעם זעלבען פּסק פאַר אַלעמען גלייך!״. — די רייד האָט געווירקט און די העצע האָט אונטערגעצונדען און אויפגעריסען ווי אַ שוועבעלע אין אַ קאָדקע פּולווער... ער האָט איבערגעגעבען „יהודה בן גדידיה״ צו די צדוקים און זיי האָבען איהם פאַר׳משפּט צום טויט. ער האָט מיט דער צייט פאַרטריבען די פּרושים און פאַרביטען זיי מיט די צדוקים. געמאַכט זיי פאַר שופטים, דיינים, און דאָס האָט אַרויסגערופען אַן אונצופרידענהייט ביים פאָלק.

* * *

פון דאָס אויב׳ן דערמאָנטע נאָך אַלע קאָמענטאַרען זעהן מיר אַרויס אַז יוחנן־הורקנוס מלך וכהן גדול איז אַ גרויסע ליכטיגע פּערזענליכקייט אין דער אידישער היסטאָריע. ער האָט פון אָנפאַנג כשר פאַרדינט כתר מלכות וכתר כהונה, אָבער צום סוף מיט זיין אַריבערגאַנג פון די פּרושים צו די צדוקים איז דאָס ניט פאַרגעבען, מיט אַזאַ שפּרונג האָט ער געמאַכט אַ גוואַלדריס אין אונזער אומה הישראלית. ער איז דאָך געווען ניט קיין פּראָסטער

מענש, ווען מען קען פארגעבן פאר אַ חטא, ער איז דאָך געווען א מלך, כהן גדול און אַ נביא. הורקנוס האָט געהאַט אין זיך א מאַגנעט, אָן איינפלוס אויף אלע טיילען כתות פון פאָלק סיי אויף די פרושים סיי אויף די צדוקים אז שלום זאָל צווישען זיי הערשען אייביג. מיט אַמאָל איז געווארען אלעס פארקערט. ווארום האָט דאָס אזוי פאסירט? דאָס איז פארגעקומען איבער כבוד, איינער א צבוע האָט נוגע בכבוד געווען דעם הערשער, מילא מלך שמחל על כבודו איננו מחול, אָבער דער צבוע האָט דאָך באקומען א שטראָף „מלקות״, נאָר אזאַ פסק האָט דעם קיסר ניט באפרידיגט, איהם האָט זיך מסתמא געוואָלט אז דער צבוע זאָל באקומען טויט־שטראָף, דערפאר האָט ער איהם איבערגעגעבען צו די צדוקים, וועלכע האָבען איהם אָפגע׳משפט צום טויט. — בעת אַ מענש ווערט אין כעס קאָנטראָלירט ער זיך ניט און עס טוט זיך אָפּ פון איהם דאָן זיין שכל. זיין כבוד איז אָנגערירט געווארען, איז וואָס? אַהאַ! איז ער שוין ארונטערגעגאנגען פון זיין הויכע מדרגה און איז געוואָרען אנוקם ונוטר, איהם האָט שוין אויסגעדוכט אז אלע פרושים ווילען איהם פאַראַטען. ווארום איז ער ניט געגאַנגען אויפ׳ן וועג פון ישעיהו הנביא, וועלכער האָט פאר דער ליבע צו זיין פאָלק און לאנד אָפּגעגעבען זיין קערפער צו שאַנד און שפּאָט: „גוי נתתי למכים ולחיי למורטים״ — ווארום האָט ער זיך ניט אראָפּגענומען א מוסר פון משה רבונו ווען זיין אייגענע שוועסטער מרים האָט איהם מבזה געווען האָט ער אָפּגעשוויגען. „והאיש משה ענו מאד מכל האדם!׳ — צוליב שלום דאַרפען אָפּערען מיט אלץ, ווארום חותמו של הקב׳ה אמת ושלום (שבת נ״ה) — צוליב שלום און גליק פון דאָס פאָלק האָט ער געדאַרפט פארשווייגען און זיך ניט צו הערען ווי אַ פּראָסטער בשר ודם צו די רייד פון די צדוקים — די פרייע. ווארום געגנוג האָט שוין דאָס פאָלק געליטען אין אלע צייטען פון די שפּאַלטונגען. דאָס אלעס האָט געדארפט דינען אלס באווייז אַז קריג איז א צרעת... מיר דארפען ניט פארגעסען אַז דאָס פאָלק אין זיינע צייטען האָט צוריק צונויפגענומען זיינע כוחות און געקרמען צו זיך, נאָך אלע קלעפּ וואָס דאָס פאָלק האָט באקומען בעפאָר פון זיינע שונאים, — יוחנן הורקנוס האָט געהאַט א כח אוועקצושטעלען זיין פאָלק אויף אַזאַ הויכע מדרגה ווי אין די צייטען פון דוד ושלמה. נאָר זיין גסות־הרוח לאָזט איהם ניט צו צו דעם און געהט איבער אויפ׳ן זייט פון די צדוקים. — אהבת הלאם וואָס האָט געברענט אין איהם און דער רוח הקודש וואָס האָט איהם באגייסטערט האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעלאָשען — א רוח רעה האָט איהם ארומגעכאפּט און אלע זיינע מעלות איז פארביטען געווארען מיט א מענשליכען נידעריקען אינסטינקט... און ווי אין א שפּיגעל שיינט אָפּ זיין געזיכט און איז בולט אז ער איז „אַ קליין מענשעלע״ מיט אַ שוואכען כאַראַקטער... און איבער זיין עגאָאיזם באגעהט ער אַ שעדליכען פארברעכען

אנטקעגען זיין פאָלק און לאַנד, שטעלט זיך פאַר אכציג יאָהר געטאָהן די עבודה אין בית־המקדש, געווען דער רעליגיעזער פאָרשטעהער ביי אידען — איז דער כהן גדול יוחנן פלוצלונג געוואָרען א צדוקי בלב ונפש — און אזוי האָט ער געפעלשט זיך באהעפט צו די צדוקים — די עוכרי עמם, בעטריבער פון אידישען פאָלק — און ווייל ער האָט פארלאָזען די קוואַלען פון לעבעדי־דיקען וואַסער אום זיך אויסצוגראָבען צובראָכענע ברונימער, וואָס קאָנען ניט האלטען דאָס וואסער — דערפאר רעכענען מיר איהם צו צו די התועים בדרכי החיים.

* * *

# קעניג אגריפא דער צווייטער.

אגריפאָס (השני) דאָס איז מרקוס יוליוס אגריפאס, וועלכער איז באוואוסט מיט'ן נאָמען הורדוס אגריפאס דער 2־טער, דער זון פון אגריפאס דעם ערשטען. ער איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 28 לויט דער נייער צייט־רעכענונג און געשטאָרבען אין יאָהר 100. זיבעצען יאָהר אַלט איז געווען אגריפאס אז זיין פאָטער איז געשטאָרבען און דער רוימישער קיסר קלודיוס האָט געוואָלט אגריפס'ן מאַכען פאר קעניג אויפ'ן פאָטערס אָרט, ער האָט געוואָלט טאָהן חסד מיט זיין געשטאָרבענעם פריינט כדי עס זאָל בלייבען זיין נאָמען אויף אייביג. אָבער פילע פון די יועצי־המלך האָבען דעם קיסר אָפגערעדט פון צו טאָהן דאָס, ווייל דער בחור איז נאָך צו יונג צו זיין אַ קיסר. האָט קלודיוס אויפגע־נומען קוספיוס פאַדוס פאר א מושל דערווייל ביז וואַנען אגרפס וועט ווערען עלטער. קוספיוס האָט זיך באנוצט מיט דער צייט מיט דער ערלויבעניש פון רוימישען קיסר, מישען זיך בעניני דת היהודים אז די כהונה זאָל זיין אונ־טער זיין האַנט און צו ווּעמען ער וויל וועט ער איהר געבען. דאָס האָט אויפ־גערייצט דעם כעס פון פאָלק, וועלכע האָט רעוואָלטירט. איינצושטילען דאָס פאָלק האָט מען ארויסגעשיקט מושל סוריא קאסיוס לאָנגינוס מיט פיל חיל איינצושטילען זיי. הורדוס און אריסתובול — די ברידער פון אגריפס'ן דעם ערשטען — האָבען זיך אריינגעמישט אין דער זאַך און האָבען געשיקט שלוחים

צו קלודיוס קיסר רומא. דאָרטען האָט פארגעשטעלט דער יונגער אגרפּס די אידישע שלוחים פאר'ן קיסר און האָט גערעדט גוטס אויף זיי אויך האָט ער דעמאָנט צום קיסר קליגולא די פריינטשאפט פון זיין פארשטאָרבענעם פאָטער צו איהם און ער האָט געווירקט אויף איהם אז ער זאָל טרייען אז קיינער פון פרעמדע זאָל זיך ניט וואָגען צומישען זיך אין די רעליגיעזע ענינים פון זיין פאָלק. האָט מען דאָן איבערגעגעבען די כהונה אין די הענט פון הורדוס דעם צווייטען, דעם פעטער פון אגריפּוס'ן אלעס טאָהן ווי עס געפעלט איהם. אגריפּס השני האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין רום, אין קייזערליכען הויף האָט ער זיך געפיהרט ווי אַלע פרינצען. און דער רוימישער קיסר קלודיוס האָט געהאלטען זיין וואָרט אין יאָהר 50 ווען עס איז געשטאָרבען הורדוס און אגרפּס איז עלטער געוואָרען האָט קלודיוס אויפגעגעבען דעם גאנצען געגענד חאַלקיסו און די ענינים פון כהונה צו אגריפּס השני און איהם געקרוינט און ארויפגעזעצט אויפ'ן אידישען טראָהן פאר א מלך ישראל. אָבער אגרפּוס איז ניט געגאנגען אין די וועגען פון זיין פאָטער, און דאָס פאָלק איז ניט געווען צופרידען פון איהם, ער איז ניט געווען קלאָר אין די דינים פון בית־המקדש און ניט באַגריפען די הייליגקייט פון דער כהונה און זיין אריינמשען זיך אין אזעלכע ענינים איז געווען אנטקעגען ווילען פון פאָלק. אין צייט פון צוואנציג יאָהר האָט ער איבערגעביטען זיבען כה"ג און איבערגעגעבען די כהונה צו פּוסטע מענשען, וועלכע האָבען זיך געקענט צומאַכען צו איהם מיט זייער חניפה. אין זיינע צייטען איז געפאלען דער פרעסטיזש פון דעם כהן גדול און דער המון־עם האָט מבזה געווען איטליכע הייליגקייט און ניט געוואוסט פאנאנדער־צושיידען צווישען קדש און חול. אין זיינע צייטען האָט בטל געמאכט ר' יוחנן בן־זכאי דיני פרה אדומה.

ווייט איז געווען אגריפּוס פון אידישען לעבען, ווייט פון יהדות, ער האָט ניט געשטרעמט אזוי ווי זיין פאָטער אז יהודא זאָל ווערען א זעלבסט־שטענדי־גע פרייע מלוכה און מיט דער צייט איינגאַנצען אראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם יאָך פון די רומאים; פונדעסטוועגען אין אן עת צרה פלעגט ער באהילפיג זיין ווי ווייט מעגליך עס איז. צווישען די פינף מושלים פון רוים, וועלכע האָבען פארביטערט דעם אידישען לעבען. אין זיינע צייטען איז געווען קומאַ־נוס, וועלכער האָט געקעניגט פיער יאָהר. קומאנוס האָט חושד געווען די אידען אז זיי קלייבען זיך צונויף בבתי־התפלה והמקדש און דאָרטען זיינען זיי זיך מישב ווי אראָפּוואַרפען פון זיך דעם עול רומא, און אפשר איז געווען א גרונט און אַ באַווייז צו דעם חשד, ווארום עס זיינען דאָן אויפגעשטאַנען „קנאים" וועלכע זיינען געווען גרייט צו ברייינגען זיך פאר אַ קרבן פאר דער פרייהייט פון זייער פאָלק און לאַנד. אין זיינע צייטען איז געשטאָרבען קלודיוס און

נירון קיסר האָט גע׳ירשנ׳ט זיין טראָן. נירון האָט ליב געהאט זייער אגריפס׳ן און האָט געטאָהן מיט איהם חסד, אין די יאָהרען 53־61 האָט ער ברייט גע־מאַכט די גרעניצען פון זיין מלוכה, ווארום נירון קיסר האָט געגעבען צו אגרי־פוס׳ן דעם צווייטען נאָך פיר שטעדט, אָבער דאָס אלעס האָט גאָרנישט געהאָל־פען צו מאכען גרינגער דעם רוימישען יאָך, ווען מען האָט צוגענומען פון זיי קומאַנוסן איז געקומען פעליקס אויף זיין אָרט און ער איז נאָך געווען שטרייכ־גער פון איהם, און אגריפוס האָט קיינע מיטלען ניט געקענט אָנעמען אנטקעגען פעליקס׳ען ווארום פעליקס פלעגט זאָגען אז אלעס וואָס ער טוט איז לטובת רוים. אין אגריפוס׳עס צייטען איז געווען גרויס די שנאה צווישען די אידען און רומאים. און איין ווינטעל איז געווען געגוג פאנאנדערצובלאָזען דעם פונק פון שנאָה אין א העלישען פלאָם, און דאָס אידישע האָרץ האָט וועה געטאָהן צו זעהן אז אגריפוס פיהרט זיך אויף מיט זיי ווי א שפיאָן. אגריפס האָט אויפגעבויעט אַ הויכען פאַלאַץ לעבען בית המקדש כדי ער זאָל זעהן אלעס וואָס עס טוט זיך אין בית־המקדש, אָבער די אידען האָבען דאָס ניט געוואָלט ליידען, האָבען זיי געמאַכט אַ וואַנט גרעסער און העכער פון בית המקדש כדי צו פארשטעלען פון אגריפוס׳ס פאַלאַץ דעם בית־המקדש. האָט אגריפס פראָ־טעסטירט און געוואָלט די וואַנט פון בית־המקדש צושטערען, נאָר די אידען האָבען זיך באקלאָגט פאר׳ן רומישען קעניג, וועלכער האָט דאָס מאָל נאָכגע־געבען די אידען, און די וואַנט איז ניט צושטערט געוואָרען, אגריפוס׳ן איז דאָס ניט אָנגעשטאַנען, נאָר ער האָט געמוזט שוויגען. מיט דער צייט האָט ער זיך אָפגערעכענט מיט די כהנים, וועלכע האָבען איהם ניט דערלאָזען צו פיהרען די וואָנט פון בית־המקדש, דאָס איז פארגעקומען אויף אזא אופן: עס איז ארויס אַ קריעג צווישען די כהנים און די לוים. די לוים האָבען געמאָנט אז מען זאָל זיי געבען חלק כחלק גלייך מיט די כהנים. און אויך אזעלכע שעהנע קליידער (בגדי־שראד) אזוי ווי צו די כהנים; די כהנים זיינען געווען אנט־קעגען דעם. דאַן האָט זיך אריינגעמישט אגריפוס און געהאלטען פאר די לוים, ער האָט ערלויבט צו די לוים נעהמען חלק כחלק פון די הכנסת הכהנים און אויך בגדי שרד, האָט ער זיי צוגעגרייט. די קריג צווישען די כהנים און לוים האָט זיך געצויגען א לאַנגע צייט. פונדעסטוועגען האָט אגרפס ניט אנט־זאָגט די בקשה פון די פרושים (דער ראש פון די פרושים איז דאמאָלסט געווען רבי יוחנן בן זכאי) אז מען זאָל אנטזאגען ענן הכהן הגדול פון זיין כהונה, ווייל ער האלט פאר די צדוקים און ענן האָט פילע צדוקים דאמאָלסט אריינגעזעצט צווישען די סנהדרין און זיי האָבען פאר׳משפט צום טויט פילע מענשען, וועל־כע האָבען גאָרנישט געזינדיגט. בטבע—פון נאַטור איז אגריפוס געווען ניט קיין שלעכטער און אָפטמאָל האָט ער ארויסגעוויזען ליבשאפט צו זיין פאָלק, אז עס האָט זיך אָנגעהויבען רדיפות אויף די אידען אונטער ממשלת גאסיוס

פלארוס מושל יהודא און צעסטיוס גאלוס מושל סוריא איז ער, אגריפוס, געווען גרייט זיי צו העלפען. אָבער ניט אזוי ווי קלודיוס איז געווען נירון קיסר, ער איז געווען א צולאָזענער יונג, א בעל תאווה׳ניק פון ערשטען גראַד, איבער־געגעבען מיט לייב און לעבען צו אַלע פאַרגעניגענס פון דער וועלט און זיך ניט מישען אין עניני־המלוכה. אגריפוס האָט געוואוסט אז אומזיסט וועט זיין זיינע רייד צום קיסר, קיינער וועט איהם ניט הערען. און אנטקעגען די רוי־מער איז ער שוואַך זיך צושטעלען דעריבער פלעגט ער אָפּגעבען כבוד און חנפנ׳ען דעם קיסר ווי ווייט מעגליך עס איז. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָבען די אידען אָנגעהויבען צו באגרייפען אז אגריפוס איז מאכטלאָז זיי צו העלפען און די גאנצע פריינדשאַפט צווישען רוימישען קיסר און אידישען קיסר באַ־שטייט נאָר אויף מתנות און חניפה. האָבען זיי געזעהן אז עס איז ניטאָ אויף וועמען זיך צו פארלאָזען; נאָר האָפען צו גאָט און — אויף אייגענע כחות. אין דער שטיל האָבען זיי זיך צוגעגרייט אראָפּוואַרפען פון זיך די ממשלה פון רוים. די שארפע אויג פון צעסטיוס גאלוס האָט דאָס באמערקט, און האָט איבערגעגעבען צו נירון קיסר, אבער נירון קיסר האָט געלאכט פון זיין שרעק. נירון קיסר האָט געזאָגט: „אָן ארים, שוואַך פאָלק זיינען די אידען, ווי וועלען זיי זיך שטעלען אנטקעגען די מעכטיגע רוים״. דאַן האָט געוואָלט גאלוס אויפווייזען נירון שווארץ אויף ווייס, באותיות ומופתים אז נירון מאכט אַ טעות — דאַן האָט צעסטיוס גאלוס גערופען אגרפוס׳ן און מתיא כהן גדול און זיי פארזאָגט איבערצוצעהלען דאָס גאנצע אידישע פאָלק און צושטעלען זייער סטאַטיסטיק. אגריפוס האָט דאָס אויסגעפילט זעהר קלוג, כיטרע, ער האָט גע־געבען א באַפעל צו אַלע אידען קומען אין ירושלים על חג הפסח, און ווען אלע זיינען געקומען ווי איין מענש, האָט ער פארזאָגט צו ברייגען קרבנות אויף אַזאַ אופן: איין קרבן פאַר 10 מענשען, און פון איטליכען קרבן זאָל מען איהם געבען איין ניר (כליא), און ווי ער האָט איבערגעצעהלט די נירען, האָט ער אויסגעפונען דריי מיליאָן מענשען פון די אידען וואס זיינען געקומען אין ירושלים. דעם רעפּאָרט האָט ער איבערגעגעבען צעסטיוס גאלוס. דאַן האָט צעסטיוס גאלוס געגעבען צו וויסען דעם קיסר נירון אז אומזיסט זאָגט ער אז די אידען זיינען א קליין פאָלק. נאָר דער צולאָזענער נירון האָט יעצט אויך ניט צוגעהערט זיך צו זיינע רייד. מען דערצעהלט וועגען נירון־קיסר (נעראָן) אז ער איז געווען א גרויסער פאַנטאַזיאָר, זיין פאַנטאַזיע פלעגט דערגרייכען צו משוגעת. ער האָט זיך איינגערעדט אז ער איז דער גרעסטער קינסטלער, פידעל שפּילער, אין דער וועלט. ער פלעגט ארויסטרעטען אין די טעאַטערען און דער עולם פלעגט איהם אפּלאָדירען, און אז אָך און ווי איז געווען צו יענעם וועלכער פלעגט איינשלאָפען בשעת זיין שפּילען. איינמאָל האָט ער געהייסען אונטערצינדען רוים, געוואָלט זעהן די קארטינע: „רוים אין פלאַמען״ —

ער איז דאמאָלט געשטאַנען און געשפּילט... ער האָט אָפּגעצאָהלט מיט'ן לעבען פאר אלע זיינע פארברעכענס.

אגריפּוס והמרידה. דער שרעק פאר וועלכען גאלוס האָט זיך געשראָקען איז געקומען אין א קורצע צייט און א גרויסע מרידה האָט זיך פאנאנדערגע־ברענט; דאַן איז געקומען אגריפּוס און האָט געוואָרענט דאָס פאָלק ניט האל־טען קיין מלחמה מיט די רומאים, עס וועט ניט באגליקען, זיינע רייד האָבען געווירקט. נאָר אגריפּוס האָט אָבער איבערגעצויגען דעם בויגען, די סטרונע האָט געפּלאַצט, ווארום ער האָט זיי געגעבען אַן עצה צו בלייבען אונטער ממשלת פלאָרוס ביז וואַנען דער קיסר וועט פארבייטען מיט אַן אנדער מושל. מיט די ווערטער האָט ער אויפגערעגט דעם כעס פון פאָלק און מיט אויסגע־שרייען: „אוועק פון דאנען!” — האָבען זיי אין איהם געוואָרפען שטיינער... מיט שאַנדע איז ער אנטלאָפען, קוים מיט דער נשמה — פון ירושלים. פונ־דעסטוועגען האָבען א טייל אידען פון „מבקשי השלום” געהאלטען מיט איהם. גלייך ווי עס האָבען בייגעקומען „אנשי־המלחמה” האָבען זיי מבטל געווען דעם קרבן נירון קיסר וואָס זיי פלעגען מקריב זיין אלע טאָג און מיט דעם איז בטל געוואָרען דער בונט צווישען די אידען און די רומאים; דאַן האָבען גע־שיקט „אנשי־השלום” בעטען אגריפּוס'ן צושיקען חיל אין ירושלים, וועלכע זאָלען ברייננגען אלעס אין אָרדנונג. אגריפּוס האָט מסכים געווען אויף דערויף, ווארום אַזאַ זאַך איז געווען צום הארצען פון רוימישען קעניג, אגריפּוס האָט צוגעשיקט דריי טויזענד סאָלדאַטען אונטער דער קאָמאַנדע פון פיליפּ'ן, זיבען טעג האָט געדויערט דער בלוטיגער קאַמף און צום סוף האָבען בייגעקומען די אידען „אנשי המלחמה”. די מלחמה־לייט האָבען פארברענט אגריפּוס'עס פּאַ־לאַץ און אויך די הויז פון בירוניקה, זיי האָבען אויך צושמעטערט די הויז פון חנניה דעם כהן; אגריפּוס מיט זיין חיל האָבען זיך באהאלטען אין הור־דוס'עס פּאַלאַץ, האָבען די „אנשי המלחמה” באַלאַגערט דעם פּאַלאַץ אכצעהן טעג און צום סוף האָט אגריפּוס מיט זיין חיל זיך אונטערגעגעבען. — אָט דער נצחון וואָס האָט בייגעטראָגען כבוד צו די אידען „אנשי־המלחמה” איז געווען אַ שאַנדע פאר אגריפּוס'ן, ער האָט ניט געקענט צוקוקען צו דער פרעהליכקייט פון די אידען, וועלכע האָבען געפייערט זייער נצחון און האָבען אויסגעגאָסען מטבעות מיט'ן חותם תמונת סוכה לולב ואתרוג און מיט'ן אויפשריפט „השנה הראשונה לגאולת היהודים”. — דאָס אלעס האָט איהם אויפגעקאָכט — און אגריפּוס מיט צעסטיוס גאלוס דעם רשע, האָבען צונויפגעזאמעלט דרייסיג טויזענד מאַן סאָלדאַטען, און האָבען געררוט אין גבעות ניט ווייט פון ירושלים. זיי האָבען געוואַרט אז מען וועט קומען צו זיי מיט רחמנות פּנים'ער בעטען ביי זיי רחמים. זיי אָבער זייער האָפענונג איז געווען אומזיסט; די אידען זיינען

געקומען ניט זיך מאַכען אונטערטאַנען נאָר זיי זיינען ארויס אנטקעגען זיי מיט׳ן שווערד, מען האָט זיי געשלאָגען שוק על ירך און מען האָט זיי פאַר־טריבען. — די „רודפי השלום״ זיינען מיט אַמאָל געוואָרען גאָר אנדערע מענשען, זיי האָבען געהאַפט אז עס וועט זיך איינגעבען צו באפרייען דאָס לאנד ארץ יהודא פון רוימישען יאָך, און יוסיפוס האָט אָנגעהויבען אויך צו טראַכ־טען אז אין גיכען וועט יהודא באפרייט ווערען און אגריפוס וועט קעניגען אויף די אידען, דערפאר האָט ער גע׳חנפ׳עט אגריפוס׳ן און געזעהן געפעלען צו ווערען אין די אויגען פון זיינע פריינט. אגריפוס האָט ניט גערוהט, ער האָט מורה געהאט אז נירון קיסר וועט איהם חושד זיין אז ער האַלט אויך מיט די „מורדים״, האָט ער געוואָלט אז נירון קיסר זאָל מאַכען א סוף צום רעוואָלט. אגריפוס האָט געגעבען צו וויסען נירון׳ען אלעס וואָס קומט פאָר אין יהודא און נירון קיסר האָט זיך דערשראָקען אז די איבעריגע קליינע מלוכות זאָלען ניט נאָכטאָהן דעם זעלבען ביישפיל פון די אידען און האָט געשיקט דעם באַוואוסטען פעלד־מארשאל אספּוסינוס׳ן, און טיטוס׳ן זיין זוהן א סך חיל איינצושטילען דעם רעוואָלט. אגריפוס מיט זיין שוועסטער בירוניקה האָבען זיי מקבל פנים געווען. נאָך א שטאַרקע מלחמה האָט זיך איינגעגעבען אספּסיינוס׳ן איינצונעהמען די שטעדט פון יהודא, אָ חוץ גמלה, גיזחלה והר תבור וואו עס האָבען זיך דאָרטען באַפעסטיגט די אידען, האָט אספּסיינוס גאָר ניט געקענט אויפטאָהן און אין דער צייט האָט יוסף וחארעס, צוויי גבורים, האָבען זיי באשיצט די שטאָדט און האָבען דערמונטערט דאָס פאָלק צו שטאַר־קען זיך און זאָלען ביי זיך ניט אראָפּפאַלען. און ווען אגריפוס האָט זיך גע־פּרואווט ריידען צום פאָלק זיך אונטערצוגעבען, נאָר אָ שליידער פון שטיי־נער איז געווען דער ענטפער — און א צוקאָליעטשעטען האָט מען איהם אוועקגעטראָגען אהיים.

גרויס מסירת נפש האָט ארויסגעוויזען אגריפוס צום קיסר רומא און צו אספּסיינוס׳ן, און דאָס איז געווען אָנגעזעהן ביים קיסר פון רוים און ביים פעלד־מארשאל. דער קיסר האָט אגריפוס׳ן גרויס געמאַכט; אבער ווען אָג־ריפּוס איז אלט געוואָרען, האָט ער זיך דערמאָנט וואָס ער האָט געטאָהן און אַלעס וואָס איז געטאָהן געוואָרען צו די אידען פון זיין פאָלק אין רוים איז ניט ווערט די קרבנות, וועלכע ער האָט פאר איהר געבראַכט. דאָס איז אלעס קלאָר געוואָרען אין דעם טאָג פון אספּסיינוס׳עס געבורטסטאָג, אין דער צייט האָט טיטוס אויסגע׳הרג׳עט פאַר די אויגען פון אגריפוס׳ן פילע יונגע־לייט מבחורי ישראל און אלע זיינע בקשות זיי לאָזען לעבען האָט ניט געהאָלפען. צווייטענס האָט איהם שטאַרק פארדראָסען, געערגערט וואָס טיטוס האָט ניט געהאַלטען זיין וואָרט און ניט חתונה געהאָט מיט זיין שוועסטער בירוניקה,

ווארום ער האָט צוגעזאָגט חתונה צו האָבען מיט איהר נאָכ'ן טויט פון אספסיי־
נוס'ן זיין פאָטער, ווייל אספסיינוס האָט געזאָגט אז עס איז א שאַנדע פאר אַ
קיסר חתונה צו האָבען מיט א אידישער טאָכטער. דאָס און נאָך פילע אור־
זאַכען האָבען איהם פאַראומערט זיין האַרץ און ער האָט זיך אומגעקערט צו
זיין פאָלק ווי אַ בעל־תשובה און געווען געטריי ביז זיין לעצטען טאָג. אגריפוס
איז געשטאָרבען אָהן קינדער און ער איז געווען דער לעצטער מזרע המלוכה
מבית הורדוס.

* * *

ליבער לעזער און לעזערין! האָט איהר ווען עס איז געהערט אז א קינג
זאָל פאַראַטען זיין אייגען פאָלק און לאַנד, אזוי ווי דער אידישער קיסר אגרי־
ריפוס דער צווייטער, האָט פאַראַטען? ער האָט געגעבען צו וויסען צו נירון
קיסר אַז דאָס פאָלק רעוואָלטירט און ער זאָל זעהן וואָס גיכער ארייַנשיקען
אַ גרויסע ארמיי אין ארץ ישראל און דערשטיקען די רעוואָלטירער. איז דאָס
ניט אַ פאַראַט? אלע אידישע קיסרים אזוי ווי זיין פאָטער אגריפוס דער
ערשטער האָבען געזעהן מיטאַלע מעגליכקייטען פאַרפעסטיגען די גרעניצען
פון ארץ ישראל, אויך פארברייטערען זיי, און געוואָלט זעהן ארץ ישראל אַ
באפרייטע פון רוימישען יאָך. ווארום האָט אגריפוס געטאָהן אלעס פארקערט?
ווארום האָט ער געוואָלט עוקר מן השרש זיין דאָס אידישע פאָלק? ווארום
האָט ער זיך געוואָרפען מיט זיינע לעגיאָנען אויף די אידען אין ירושלים
וועלכע האָבען געשטרעבט אראָפּוואָרפען פון זיך דעם עול פון די רומאים?
ווארום האָט ער געוואָלט צוטרעטען און פארניכטען די קנאים, וועלכע האָבען
געפיהרט א קאַמף פאר ליכט און פרייהייט, און ניט געוואָלט דערלאָזען אז חושך
און ברוטאַליטעט זאָלען דאָמינירען יהודא! צו פארענטפערען דאָס אלעס,
דאַרפען מיר וויסען אז אין זיינע אָדערען האָט ניט גערונען, געפליסט אידיש
בלוט, נאָר דאָס בלוט פון די אדומים — הורדוס — ער האָט זיך מחנך געווען
אין קייזערליכען רוימישען הויף, געווען איינגעזאפּט מיט'ן רוימישען גייסט
און מיט זיין קולטור. ער האָט ליעב געהאט דאָס אידישע פאָלק לויט נאָך די
פּראַפּאַרציע פון רעצעפּט, וועלכע עס האָבען איהם צוגעשריבען די רומאים.
מיט לייב און לעבען איז ער געווען איבערגעגעבען צו די רוימער, ער איז
געווען זייער שטיוועל־פּוצער. די אידען, האָט ער גערעכענט, דאַרפען זיין איי־
ביגע קנעכט צו די רומאים. זיי טאָרען ניט רעוואָלטירען, בעת די רוימישע
סאָלדאַטען די שכורים פארגעוואלטעווען זייערע כשר'ע טעכטער און פלינדע־
רען דאָס אידישע גוטס און האָב. אגריפוס איז געווען אַן עגאָאיסטישער מענש,
געשטרעבט צו כבוד און ממשלה; זיינע געגנער — די קנאים — פארקעהרט,
גרויסע אידעאַליסטען, ערהאבענע פּאַטריאָטען. ביי זיי איז דער שיקזאל פון

זייער פאָלק געשטאַנען העכער ווי זייערע אייגענע אמביציעס... דאָ האָבען זיך צוזאמענגעשטויסען צוויי קאָנטראַסטען. און איינער האָט ניט נאָכגעגעבען דעם צווייטען. וואָסהאָט דאָס אידישע פאָלק געקענט פארלאַנגען פון אגרי־פוס דעם צווייטען, וועלכער איז געווען „א קליין מענשעלע", כמעט אויפגע־צויגענער אין רוימישען הויף מיט אלע רוימישע זיטען און אמביציעס, אַן איבערגעגעבענער קנעכט צום רוימישען קיסר און זיין פאָלק. אבער ווי קומט אַזאַ „קליין מענשעלע" זיין א קיסר ביי דאָס אידישע פאָלק? קענען מיר פאַר־ענטפערען מיט דעם, אז ניט מיר אידען האָבען איהם געקרוינט, נאָר די רומאים און זיי האָבען פאר אונז אלעמאָל אויסגעקליבען אַזאַ „לא־יוצלח" וואָס איז גוט פאַר זיי און שלעכט פאר אונז. זיי האָבען געוואוסט אז דורך אַזאַ „מאַן" וועלען זיי אַלעמאָל ארויסגעהן די באַזיגטע.

* * *

## אלכסנדרוס טיבעריוס יוליוס.

אלכסנדרוס טיבעריוס יוליוס איז א געטויפטער איד; איז געווען אשר־צבא־אָן אויפגענומענער — אויף דעם רוימישען חיל אין ערשטען יאָהר הונדערט. זיין פאָטער אלאבארך אלכסנדרוס האָט איהם געגעבען דעם נאָמען „טיבעריוס" צוליעב דעם כבוד פון קיסר טיבעריוס. און אלכסדר האָט זיך צוגעגעבען אליין דעם נאָמען „יוליוס". ער איז געווען דער זוהן פון ברודער פילון האלכסנדרין'ס. ער איז געווען פון די דריי וואָס האָבען געהאָלפען חרוב מאַכען אונזער לאַנד: אגריפוס דער צווייטער, יוסף פלאַוויוס און אלכסנדרוס טיבע־ריוס יוליוס. דער לעצטער אלכסנדרוס האָט זיך אָפגעקערט מיט'ן אָקען פון אונזער פאָלק, פון אונזער הייליגע אמונה און פון זיינע עלטערען, און געוואָ־רען א צורר ליהודים. אין יאָהר 46 איז ער דורכ'ן באַפעל פון קיסר קלודיוס געוואָרען אויפגענומען פאַר אַ מושל — אַ פראָקוראַטאָר — אויף יהודא. פאַר קיסר נירון איז ער אוועק נאָך העכער, געוואָרען אַ מיניסטער אין רוים און אין דער צייט בעת די רומאים האָבען מלחמה געהאַלטען מיט די „פרטים" איז ער געוואָרען א פעלד־מארשאל. נירון האָט איהם אויפגענומען געוועלטי־קען אויף מצרים. אגריפוס דער צווייטער איז אנטלאָפען פון ירושלים (אז עס האָט זיך אָנגעהויבען די מרידה) צו גראַטולירען אלכסנדר'ן מיט זיין הויכען אַמט. דער גרויסער אַמט וואָס טיבעריוס האָט באַקומען האָט גורם געווען

צרות און ביטערקייט צו די אידען אין אלכסנדריא. ער, טיבעריוס האָט זיך געפירט מיט די אידען מיט רציחה. אז די אידען פון אלכסנדריא האָבען זיך געקלאָגט אויף די נייע פּאַראָנדקעס און זיי האָבען געמאָנט זייערע רעכט, וועלכע מען האָט זיי געגעבען פריהער פאַר איהם, האָט אלכסנדר אָנגעשיקט אויף זיי די עסקאַדראָנען פון רוים און זיי האָבען אויסגע׳הרג׳עט צווישען זיי זעהר פיל מענשען, בערך פופציג טויזענט מאַן. אין דער צייט ווען עס האָבען זיך געקריגט אספּסינוס מיט ביטיליוס וועגען רוימישען טראָן, איז אלכסנדר אריבער אויפ׳ן זייט פון אספּסינוס׳ן און מיט לייב און לעבען געזעהן ער זאָל בלייבען אַ קעניג. אלכסנדר האָט געטאָהן ווי אספּסינוס האָט איהם געשריבען אין בריוו, האָט צונויפגענומען פיל חיל אין מצרים און האָט זיי באַשוואָרען צו זיין געטריי אספּסינוס׳ן (בשנת 69). ווי עס ווייזט אויס, האָט ער, אלכסנדר, דאָס געטאָהן מיט דער הילף פון בירוניקה, וואָרום זי איז געווען זיינע אַ קרובה. פאַר דער טובה איז געוואָרען אלכסנדר פאַר אַ פעלד־מאַרשאַל, הויפּט פיהרער איבער דעם חיל וואָס טיטוס האָט געפירט חרוב מאַכען דאָס אידישע לאַנד. און דער עוכר ישראל האָט פאַרגאָסען דאָס בלוט פון זיינע אייגענע ברידער. געהאָלפען חרוב מאַכען דאָס אידישע לאַנד. און אַלץ צוליעב דעם כדי געפעלען צו ווערען אין די אויגען פון די שונאי־ישראל, כדי צו קריגען מעהר אַמט, מעהר כבוד, מעהר הערשאַפט. אָה! שלאָ־גען אייגענע ברידער, קען נאָר אַזאַ אויסוואורף ווי טיבעריוס. מיט איין וואָרט, זיין גאַנצער לעבען איז געגליכען געוואָרען צו אַ בוך וואָס איז ניט אין אָרדנונג: מאַנכע פּרקים פאַרשמוצט און גאַנצע בלעטער פאַרשמירט מיט מעשים רעים.

אָט אזוי לעבט אָפּ זיין לעבען אַ משמד אָהן חרטה אויף זיינע זינד און אָהן תשובה.

* * *

## יוסף בן מתתיהו (יוסיפוס פלאַוויוס).

עס זיינען דאָ מענשען־ריזען אויף דער וועלט, וואָס אין זייער פּעריאָד טומעלט זיך וועגען זיי זעהר פיל, דערגרייכען די העכסטע מדרגה־שטופּע פון אַכטונג און פאַרגעטערונג; נאָר גלייך ווי זיי פיהרען דורך זייער מיסיע ווערט שטיל ארום זיי און מיר דערמאָנען זיך אָן זיי נאָר דאַן ווען מיר בלע־טערען די היסטאָריע, וואו זייער אָנדיינקונג איז פאַרבליבען אויף אייביג. —

אָבער עס איז דאָ אזעלכע מענשען־ריזען וואָס ניט קוקענדיג וואָס איז אריבער איבער צוויי טויזענד יאָהר נאָך זייער טויט און פונדעסטוועגען טומעלט זיך און רודערט זיך וועגען זיי גלייך ווי זיי וואָלטען היינט געלעבט; אָט צו אַזאַ טיפּ באַלאַנגט יוסף בן־מתתיהו אָדער ווי די רומאים רופען איהם אָן יוסיפוס פלאַוויוס. — ער האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער אידישער געשיכטע, דער פאָטער פון אידישער היסטאָריע. יוסף בן מתתיהו לעבט אין זכרון פון דאָס אידישע פאָלק, ער פאראינטערעסירט די גרעסטע שרייבער פון היינטיגע צייטען, וועלכע שאַפען וועגען איהם נייע ווערק, נייע ביכער, וועלכע פאַר־פילען די לייבראַריס; גרויסע טאַלאַנטליווע שרייבער דריבלען זיך אין זיין נשמה, מען זוכט די שווארצע פלעקען אויף דער זון... מען וועגט און מען שאַצט אָפּ זיינע מעלות און חסרונות, מען זוכט א גלייכגעוויכט, נאָר דאָס שווארצע פינטעלע — איז זעהר בולט און זי וועגט אראָפּ און עס איז זעהר שווער איהם ריינצוואַשען...

יוסף בן מתתיהו איז געבאָרען געוואָרען אין 37 און געשטאָרבען נאָך 100 יאָהר לויט דער נייער צייט־רעכנונג; ער האָט באלאנגט צו דער פאמיליע חשמנאים נאָך זיין מוטער, און זיין זיידע איז געוועזן שמעון „הכבד פה". יוסף בן־מתתיהו האָט געהאַט א שאַרפען קאָפּ און אַ געניאַלען שכל און דערצו איז ער געווען באַגאַבט מיט שעהנקייט. — יוסף בן מתתיהו האָט געלערענט אין בתי־מדרש פון די פרושים, צדוקים און אסיים. ער האָט אויסגעשטודירט די אַלע דריי סעקטעס. ביי די פרושים האָט ער זיך ערוואָרבען דעם נאָמען חכם בהישיבה הגדולה בירושלים. פון בית־המדרש של הפרושים זיינען אַרויסגעגאַנגען די חכמי העם, וועלכע האָבען זיך מתעסק געווען מיט תורה, מיט ליבשאפט צו מענשען און מיט לייב און לעבען, פאַרשפּרייט וויסענשאַפט צווישען דאָס פאָלק און אַרויסגעגעבען גרויסע תלמידי־חכמים.

די צדוקים זיינען געווען פון דעם העכערען קלאַס, פון שטאַם בני צדוק אין וועמעס הענט עס איז געווען קאָנצענטרירט די ארמיי; זיי האָבען ניט אָנגענו־מען די תורת הפרושים נאָר תורת־משה. יוסף בן מתתיהו האָט אויך געוואָלט דערגרייכען צו א הויכע מדרגה צו נבואה און זיך איבערגעגעבען בלב ונפש צו דער סעקטע אסיים. אסיים איז געווען א הייליגע סעקטע, דער נאָמען אסיים מיינט „די וואָס וואַשען זיך, אָדער די „הייליגע" — אסיא—דאקטער— זיי פלעגען היילען דאָס פאָלק מיט אלערליי גראָזען. די אסיים האָבען געוואָלט דערגרייכען אייביגקייט, גרויסקייט — צו דער הויכער מדרגה פון נבואה; זיי האָבען געלעבט ווי נזירים (מאָנאַכען) זיי האָבען זיך באשעפטיגט מיט ערד ארבייט, געגעסען ברויט און גרינסען, ניט געטרונקען קיין וויין און זיך גע־באָדען יעדען טאָג אין טייך כדי צו האַלטען ריין זייער קערפּער און געטראַ־

גען ווייסע קליידער, זיי פלעגען ווינציג ריידען, מעהר שווייגען, די מעהר־הייט פלעגען וואוינען אין טבריה, וואו זייער הויפט שולע איז געווען. — אויך האָבען זיי געוואוינט אין די מדבריות; זיי פלעגען אוועקגעהן אין די מדבריות און דאָרט האָבען זיי געלעבט אין די קליינע געמיינדען. זיי האָבען אָפּגעהיט זעהר פּאָרזיכטיג אַלע מצוות התורה און דערהויפּט טומאָה און טהרה; ביי זיי איז געווען אַ געזעץ: „שלי שלך ושלך שלי״ — מיינע איז דיינע און דיינע איז מיינע — זייער גוטס האָט באַלאַנגט צו דער גאנצער סעקטע; ווען איינער פלעגט אוועקגעהן פון זיין שטאָדט און קומען צו זיי האָט ער מיט זיי געגעסען, געטרונקען און באארבייט די ערד. זיי פלעגען קיינמאָהל ניט לייגען און געהיט זיך צו שווערען אפילו אויפאַן אמת — אלע אין דער פריה האָבען זיי זיך גע׳טובלט, זייער עסען איז געווען הייליג און זייער טיש איז געווען ווי א מזבח און זייער ברויט ווי א קרבן, שטיל זיינען זיי געזעסען ביים טיש געגעסען בהדרת קדש. זיי האָבען קיינמאָל ניט חתונה געהאַט און אין זייער חברה זיינען ניט געווען קיין פרויען. זייער פאָרשטעהער אזוי געווען יוחנן. דאָס פּראָסט פאָלק האָט אין זיי געגלויבט אז זיי זיינען הייליגע און בעלי מופת, מען פלעגט זיך קומען צו זיי היילען פון קראנק־הייטען — יוסף בן מתתיהו האָט אויך געלעבט אין התבודדות אין דער מדבר מיט די אסיים דריי יאָהר און זיין רבי איז געווען „באָנוס״, וועמענס קלייד איז באַשטאַנען פון די בלעטער פון די בוימער און דערנערט זיך מיט גע־וויקסען און וואָרצלען. נאָר ווי עס ווייזט אויס האָט יוסף בן מתתיהו ניט געקענט אויסהאלטען די נזירות, עס האָט איהם געצויגען צום לעבען . . . בעת איהם איז געוואָרען ניינצעהן יאָהר האָט ער זיך אָנגעשלאָסען אין כת של הפרושים. אופי׳ן זיבען־און־צוואַנציגסטען יאָהר איז ער געפאָהרען קיין רוים. ער איז שוין געווען אזוי געבילדעט, אז ער האָט שוין געקענט אויפגענומען ווערען אין קייזערליכען הויף. אין יענער צייט האָבען די פאָרשטעהער פון ירושלים געשיקט יוסף בן מתתיהו באַפרייען די דריי גרויסע מענשען פון סנהדרין הגדולה: רב וחכם נתן בן ברוך — הרבי של יוסף בן־מתתיהו — רבי יהודא ורבי גדי; מען האָט זיי געפונען אין בלויען הויז וואו די „קנאים״ זאַמלען זיך צונויף; פעליקס דער רוימישער פקיד האָט זיי ארעסטירט, איינ־געשמידט אין קייטען און אוועקגעשיקט נאָך רוים, מען זאָל זיי דאָרטען באַ־שטראָפען נאָך די רוימישע געזעצען. אין רוים איז ער צוגעטראָטען צו גרויסע פערזענליכקייטען און געבעטען רחמים צו העלפען זיי צו באַפרייען —נאָר די ערשטע צייטען האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען. צום סוף האָט ער דערגאנגען אין רוים אז דורך די הילף פון עקטאָר דעמיטריוס ליבאַנוס וועט זיך איהם איינגעבען זיי צו באַפרייען. דער עקטאָר איז געווען אַ איד, אַ גרויסע פערזענליכקייט, אַ ריזיגער טאַלאַנט, ער פלעגט באַצויבערען און

פאַרגיפּנאַטיזירען מיט זיין טאַלאַנט אַ ריזיגען עולם; געווען באַליבט ביים קייזערליכען הויף און ביי דאָס גאַנץ רוימישע פאָלק. דימעטריוס איז געווען אַ איד אַ נאַציאָנאַליסט. יוסף בן מתתיהו האָט זיך מיט דעם גרויסען מאַן גוט באַפריינדעט; מען פלעגט זיך צונויפקומען אָפט פאַרברייינגען ביי קלאאו־דיוס רעזינוס און יוסף פלאַוויוס האָט דערצעהלט אין קאָמפּאַניע ווי עס געהט צו אין ירושלים פסח, שמחת בית־השובה און יום־כפור — דער איינציגער טאָג אין יאָהר אין וועלכען דער כהן גדול רופט אויס דעם שם המפורש, און דאָס גאַנצעס פאָלק אז דער הערט דעם געטליכען נאָמען, פאַלט אויף זיין געזיכט און בוקט זיך פאַר אונזער גאָט. (לפני האל הטמיר והנעלם) און פופציק טויזענט שטערענס ריהרט זיך אָן אָן דעם פלאָר פון בית המקדש.— און דער עקטאָר באמערקט: „עס וועט קומען אַ טאָג וועל איך אויך הערען „השם" יאָהר צו יאָהר לעג איך אָפּ מיין רייזע צו ירושלים, נאָר מיט דער צייט וועל איך זיך זעצען אין אַ שיף, איך וועל אויך קויפען אַ הויז און אַ פאַרם לעבען ירושלים".— וואָס ווייטער, ווייטער האָט זיך יוסף בן־מתתיהו מעהר באַפריינדעט מיט'ן עקטאָר דימעטריוס ליבאנוס און איהם דערצעהלט דעם אומשולד פון די דריי גרויסע לייט, וועלכע שמאַכטען אין תפיסה. דער עקטאָר איז געווען געריהרט און האָט געזאָגט אז דאָ קען נאָר העלפען די רוימישע קייזערין פופיאה. דער עקטאָר האָט איהם באַקאַנט געמאכט מיט דער קייזערין, וועלכע האָט ארויסגעוויזען פיל רעספּעקט צו יוסף בן־מתתיהו. אין קאָמפּאַניע פון עקטאָר האָט יוסף בן־מתתיהו אויסגעגאָסען זיין גאַנצע הארץ פאַר דער רוימישער קייזערין און געבעטען רחמים וחסד פאַר די דריי אומשולדיגע גרויסע לייט, וואָס שמאַכטען אין טורמע, אז מען זאָל זיי באַ־פרייען. — די קווין האָט געזאָגט אז זי פיהלט מיט, זי וועט זיי באפרייען אָבער פאַר דעם פרייז אז דער גרויסער עקטאָר דימעטריוס ליבאנוס זאָל צוזאָגען צו שפּילען „דזשו אפּעללא" — „אַ פלה". דער עקטאָר האָט זיך געקווענקעלט, נאָר אזוי ווי די מצוה פון „פדיון שבוים" איז גרויס, האָט ער געמוזט מסכים זיין. איך האַלט ניט פאַר איבעריג צו באשרייבען אין קור־צען דעם אינהאַלט פון דעם „איד א פלה", פאַר וועלכען די אידען פלעגען זיך שרעקען ווען עס פלעגט געשפּילט ווערען. דער גרויסער פּאָעט הורציות האָט געשאַפען אזא טיפּ: דער אינהאַלט איז אזוי: אַ מאַן אין מיטעלע יאָהרען שטעהט אויף דער סצענע מיט אַ לאַנג שפּיציג בערדעל, אין וועל־כעס עס וואַרפט זיך דורך גראָע האָר, דער איד געפינט זיך אין אַ קליין שטעטעלע אין יהודא, א קליין הייזקעלע באַוואוינט ער, זיין פרוי און זיינע פיל קינדער וואוינען אין איין רום, האַלב פון זיין אָרימע פרנסה נעהמען פון איהם צו די גרויסע לייט פון ירושלים, פון די איבעריגע נעהמען צו א

העלפט פאַר טעקסעס די רומאים פון קיסריה, נאָכ'ן טויט פון זיין פרוי וואַנ־דערט ער ארום איבער דער וועלט. ער נעמט מיט מיט זיך די קליינע מזוזה צוצוקלאַפּען איהר צו זיין טיר פון הויז; ער נעמט מיט מיט זיך די תפילין, דעם קליינעם שבת־עלעקטרע אויוועלע, די לייכטער, זיינע פילע קינדער און און זיין אבסטראַקטען גאָט (אלקי הטמיר והנעלם). ער געהט צו מזרח, לארץ הפרתים. ער בויט אַ קליין הויז, קלאַפּט אָן די מזוזה ביים טיר, פּאַר אַ סימבאָל אַז דאָ וואוינט א איד, לייגט תפילין של ראש ושל יד, דאַוועננט מיט'ן פּנים צו מערב (וועסט) אנטקעגען ירושלים, וואו עס געפינט זיך דער בית־המקדש, ער מאַכט אָן אַרימען לעבען, אָבער מיט דאָס ביסעלע שטעלט ער זיך צופרידען. און פון דאָס זעלביגע אַרימקייט רייסט ער אראָפּ צו שיקען פאַר'ן בית המקדש. — אָבער מיט אַמאָל, ווייטער אַן אומגליק, עס רייסען זיך אריין אין זיין הויז עלף פקידים הפרתים און שפּאַטען און לאַכען אָפּ פון איהם, זיי נעהמען אראָפּ די מזוזה פון טיר און די תפילין, קוקען דורך וואָס איז אינעווייניג, געפינען אויסגעריבענע פּאַרמעט און שפּאַטען אָפּ פון דעם נאַ־רישען גלויבען; זיי נויטין איהם דינען זייער גאָט דעם ליכטיגען הורמוז און דעם פינסטערען אהומין, ער וויל ניט, דאַן רייסען זיי זיין באָרד און פּאות, ווארפען איהם אויף די קני, דאָס קומט פאַר זעהר קאָמיש, לעכערליך, עס העלפט אָבער קיין זאַך ניט, ער גלויבט ניט אין זייער ענטפּלעקטען גאָט און זיי גלויבען ניט אין זיין באַהאַלטענעם גאָט. זיי נעהמען צו ביי איהם דאָס ביסעל אָפּגעשפּאָרטע געלט פאַר'ן אלטאַר פון זייער גאָט, און דערהארגענען זיינע דריי זיהן. ער איז מקבר זיינע דריי קינדער, געהט זיך צווישען די דריי קברים, זיצט אויף דער ערד און זינגט דעם אַלטען שיר מיט אַן אומע־דיקען מאָטיוו: „על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו" — מיט זיינע מאַ־נערען און זשעסטען וועקט ער אויף אַן אומעט, א שוידער. דערנאָך שטעהט ער אויף, וואַשט די הענט און לאָזט זיך ווייטער וואַנדערען. ער געהט צו דרום (סאוטה) אין ארץ מצרים; ער פאַרלאָזט די הייזקע וועלכע ער האָט געבויט, אָבער ער נעהמט מיט זיך די מזוזה, די תפילין, דעם שבת עלעקטרע אויוועלע, די לייכטער, די איבעריגע קינדער און זיין באַהאַלטענעם גאָט. ער בויט ווייטער אַ נייע הויז, נעמט אַ נייע פרוי, יאָהרען קומען און געהן אַוועק, ער האָט אָנגעלעבט איבער אַ נייס געלט, און אָנשטאָט די דריי קינדער, די דערהארגעטע שאַפט ער פיר נייע. יעצט אז ער דאַוועננט איז ער מכוין זיין געזיכט כלפי־צפון (נאָרטה) וואו עס געפינט זיך איין ירושלים און דער בית־המקדש. און ער פאַרגעסט ניט צו שיקען זיין נדבה צו ארץ ישראל. אָבער דאָ געפינט ער אויך ניט קיין רוה. קומען אַן ווייטער עלף פקידים יעגיפּיאַ־נער און מאָהנען ביי איהם ער זאָל גלויבען אין זייער גאָט: איזייס ואוסירעס,

פאַראיל ונץ אָבער אין דער זעלבער צייט קומט דער גאָווערנאָר פון רוים (הנציב הרומי) און פאַרבאָט איהם צו טאָן שלעכטס און לאָזען איהם צורוה. די עלף פקידים מוזען אָפּטרעטען, און ווען זיי טראָגען זיך אָפּ צושראָקענע זיינען זיי זייער קאָמיש. אָבער אפלה לעבט אָפּ און פון פרייד לאָזט ער זיך אָוועק אין אַ טענצעל, טאַנצט פאַר׳ן אָרון־ספרים, משוהנה׳דיג הויבט ער זיינע פיס הויך ביז זיין באָרד, זיין צוריסענע קאַפּאָטע מיט די לאַנגע פאָלעס טראָגען זיך מיט איהם אין דער לופטען. און מיט זיינע דאַרע הענט באַראַבאַנעט ער אויפ׳ן פויק; ער טאַנצט מיט התלהבות פאַר זיין גאָט, ער טאַנצט פאַר זיינע ספרים, אזוי ווי דוד המלך האָט געטאַנצט פאַר׳ן אָרון־הברית. נאָר מיט דער צייט ווערט דער גאָווערנאָר פון רוים מאַכטלאָז צו באשיצען דעם אידען, ווארום די מצרים קומען אָן אין אַ גרויסער צאָהל. זיי זיינען זעהר פרעך: רייסען זיך אריין אין אפּעלאס הויז מאַכען אַ פּאָגראָם; שיסען אין זיי און טוידטען דריי פון זיינע קינדער און זיין פרוי. צום סוף פאַרלאָזט ער ווייטער זיין אָרט און וואַנדערט ווייטער מיט די איבערגעבליבענע קינדער, מיט דער מזוזה און תפילין, מיט׳ן שבת־עלעקטרע אויוועלע, לייכטער און מיט זיין באַהאַלטענעם גאָט. און יעצט קומט ער אָן אין רוים. אָבער דאָ קענען איהם גאַרנישט טאָן קיין שלעכטס, ווארום דער קיסר און די קווין באשיצען איהם דאָן זיינען די שונאי־ישראל די אַנטיסעמיטען מאַכטלאָז. אָבער זיי ווילען איהם דאָך א ביס טאָן — דאָן טוען אָפּ א שפיצעל די ממוסים־פקידים: שטעהען ביי די זייטען פון דער בימה, קריכען אויפ׳ן דאַך פון זיין הויז, שפּרינגען ווי די מאַנקיס, דרינגען אריין אין הויז קוקען איבער די מזוזה און דעם שבת־אויוועלע. זעהען וואָס עס טוט זיך אינערליך. זיי מאַכען נאָך זיינע תנועות וואו ער איז מתפלל אנטקעגען מערב וואו ירושלים איז; און וואונדערליך שפּילט דימעטריוס, און די אַלע פקידים אויף דער בימה זענען זעהר ענליך צו די רוימישע מינסטאָרען: טלס, קסיוס לוגינוס — צו דעם פילאָסאָף סיניקא און נאָך שונאי ישראל, וועלכע באזוכען דעם ספּעקטאַקעל, זיי זעהען איהם צו דערנידערען אין די אויגען פון זיין פרוי אויף וועלכע ער האָט ניט לאַנג חתונה געהאט אויף אשפחה שנשתחררה, זיי שפּאָטען אָפּ וואָס ער איז א גע׳מל׳טער, וואָס ער עסט קנאָבעל, וואָס ער פראַוועט תענתים. — פון זיין שבת עלעקטרע אויוועלע א.ז.וו. — עס דערגעהט צו דעם אז זיין אייגענע פרוי לאַכט פון איהם אָפּ, פאַר זיינע קינדער... — פאַר אַזאַ חוצפה צושיידט ער זיך מיט זיין פרוי און בלייבט אליין מיט זיינע קינדער מיט זיין אמונה אין האַרצען אונטער׳ן שוץ פון קיסר און קווין פון רוים. א פאַרקלעמטער און אַ פאַראומערטער זינגט ער זיין ליד: „על נהרת בבל!״ — און פון ווייטען מאַלפּעווען איהם נאָך די „פקידים״.

דער עקטאָר דמיטריוס ליבאנוס איז געווען אין ראיל פון „אפּלא״ — ער האָט געשפּילט מיט גרויס טאַלאַנט. דער עולם איז געווען באַגייסטערט; די קווין פּופּיה האָט געהאַלטען וואָרט און אויף מאָרגען זיינען די דריי פּריזאָנערס געווען פריי.

אָט נאָך אַזוי פיל מיה האָט געלונגען יוסף ב״מתתיהו באַפרייען די דריי גרויסע סנהדרין. די פריידן פון יוסף בן־מתתיהו און עקטאָר דמיטריוס און פון אַלע אידען פון רוים — איז געווען אָהן אַ ברעג. נו, איז דען ניט יוסף בן־מתתיהו אַן ענערגישער מענש? פאַרדינט ער ניט איינגאַנצען די מצוה פון פּדיון־שבויים? — איז גאָר קיין וואונדער ניט אַז בעת ער איז געקומען פון רוים קיין ירושלים האָט מען איהם צוגעטיילט גרויס כבוד. ער האָט דאָס כשר פאַרדינט.

די צרות פון די דריי באַפרייטע זקנים, וועלכע פעליקס האָט געהאַט אַרעסטירט איז געווען אַ טראָפּען אין ים אַנטקעגען די פאַרפאָלגונגען און פּאָגראָמען, וועלכע פעליקס דער רוימישער פּקיד האָט אָנגעטאָן צו דעם אידישען פאָלק, אין ארץ ישראל. ווייניג איז איהם געווען וואָס ער האָט גע־ריסען די הויט פון דער באַפעלקערונג פאַר נאָלאָגען, (טעקסעס) האָט ער נאָך געהאַט אַ הזעה צוצוטרעטען צום בית־המקדש. איהם האָט זיך געוואָלט מיט דער הילף פון זיינע סאָלדאַטען פאַרכאַפּען די קאַסע פון בית־המקדש, דאַן האָט דאָס געדולד פון פאָלק ישראל געפּלאַצט און די באַפעלקערונג האָט זיך גענומען פאַר די וואָפען, די צורייצטע אידען האָבען זיך ווי אַ כוואַליע אַ גאַס געטאָן זיך אויף די גאַסען, וועלכע האָבען געפירט צו הר־הבית, האָבען ארויסגעשטופּט פון דאָרט די רוימישע סאָלדאַטען, שיסענדיג אויף זיי פון די דעכער און געצוואונגען פלאָרוס׳ן אַוועקצוגעהן מיט אַ טייל פון זיין חיל פון ירושלים קיין קסריה. דאָס פאָלק האָט מעהר ניט געקענט דול־דען איבער די רציחות פון רוים און דער פלאָקער האָט זיך צופלאָקערט.

דעם קאַמף מיט די רומאים האָבען געפירט עטליכע פאַרטייען: „קנאים״ —„זעלאָטען״—(איך מוז מאכען אַ באַמערקונג אַז דער מרכז פון די קנאים איז געווען אין כפר־נחום. די קנאים זיינען געווען די מעהרהייט פון די אָרימע וועלכע האָבען שווער און ביטער געליטען פון די רומאים, זיי זיינען געווען ערד־אַרבייטער, שוסטער, שניידער, סוחרימלאַך. און אויף אַלעמען האָט מען ארויפגעלעגט שווערע טעקסעס, פשוט געשינדען די הויט, ציגען בריינגען פון עבר־הירדן איז געווען אוממעגליך איבער די גרויסע צינזען. בגנבה בריינגען, פלעגט מען כאַפּען און באַצאָהלען צעהן מאָל אַזויפיל. וועה איז צו דעם מענשען וואָס זאָגט אויס אַז ער האָט סחורה, און וועה איז צו דעם וואָס

זאָגט ניט אויס, מען פלעגט צונעהמען ביי די בעלי־מלאכות דאָס לעצטע ביסעל פאר טעקסעס, אין דער רייכער לאַנד גליל איז דער המון־עם גע־גאַנגען אָנגעטאָן אין צוריסענע קליידער און געלעבט א ביטערען לעבען. די רומאים זיינען געווען פאַרדאַרבען, חיות, און האָבען געשענדעט די אידישע פרויען און טעכטער. דאָס געדולד פון דאָס פאָלק האָט געפּלאַצט און עס האָט ארויסגערופען אַ רעוואָלט. — בראש פון די קנאים איז געשטאַנען פון אָנפאנג אליעזר בן־חנניה, פון דער משפחה פון די כהנים־גדולים. ווען די פּאַרטיי פון די ארימסטע קלאַסען האָט זיך שטאַרק פאַרגרעסערט איז דער הויפּט פיהרער געווען דער גבור שמעון בן־גורא און יוחנן איש גוש חלב. דער אָנדיינקונג פון די צוויי העלדען איז פארבליבען אויף אייביג אין היס־טאָריע; אויך צו זיי זיינען צוגעשטאַנען געהיימע ווילדע פּאַטריאָטען אונטער דעם נאָמען „סקריקין״ (פון דעם לאַטיינישען וואָרט „סיקא״ וואָס באדייט אַ קורצע שפּיז). די „סקריקין״ פלעגען טראָגען אונטער זייערע מאַנטלען קינזשאַלען און ביי יעדער גינסטיגער געלעגענהייט פלעגען זיי טויטען די רוימער און אפילו זייערע ברידער — אידען, וועלכע האָבען זיך גע׳חבר׳ט מיט די רוימער.) — אויך איז געווען אַ שטאַרקע פּאַרטיי פון די רייכע, וואָס האָבען מורא געהאַט פאַר זייער פאַרמעגען, זיינען געשטאַנען פאר פריי־דען מיט די רומאים, דער פיהרער פון דער פריינדליכער פּארטיי איז געווען אַגריפּוס דער צווייטער, דער אידישער קיסר. אויך די מערהייט פון די סנהדרין האָבען געהאַלטען מיט זיי. די אלע האָבען זיך גערופען מיט׳ן נאָ־מען: „כת־של שלום״. — אגריפּוס דער צווייטער האָט געארבייט מיט אלע כוחות, אויף אלע כלים אז די אידען זאָלען ניט ארויסטרעטען אנטקעגען רוים, ער האָט אין אַ לאַנגע רעדע אָפּגעשילדערט די שטאַרקייט פון רוים און די שוואַכקייט פון יהודא, נאָר ווען ער האָט דערמאָנט אז מען זאָל זיין דער־וויל אונטער דער פיהרערשאפט פון פעליקס׳ן דעם רוצח ביז וואַנען עס וועט ווערען צוגעשיקט פון רוים אַן אַנדער פקיד, דאַן האָט דאָס פאָלק גע־דונערט: „אולטימאַטום״, „נידער מיט פלאַריס׳ן״ — „פאַרעטער!״ — דער ראש פון די „זעלאָטען״— אליעזר בן־חנניה, פון דער משפחה פון די כהנים גדולים, האָט פארלאנגט פון אגריפּוס׳ן אז ער זאָל שיקען אַן „אולטימאַטום״ צו רוים אז זיי זאָלען אָפּרופען דעם גאָווערנאָר פעליקס׳ן דאַן וועלען די אי־דען זיין געהאָרכזאַם אגריפּוס׳ן. האָט אגריפּוס זיך געוואָלט ארויסמאַכען פון דעם, נאָר אליעזר האָט געוואָלט א קלאָרען ענטפער. אגריפּוס האָט ניט געגעבען א קלאָרען ענטפער. דאַן האָט דאָס פאָלק אָנגעהויבען אין איהם וואַרפען שטיינער און ער איז קוים מיט׳ן לעבען אנטלאָפען. די פרידליכע פאַרטיי האָט אויך ניט געשוויגען. עס איז פארגעקומען א קאַמף צווישען

אגריפוס׳עס מחנות און די זעלאָטען, ביז די לעצטע האָבען געזיגט. זיי האָבען פארברענט די פאַלאַצען פון אַגריפוס און זיין שוועסטערס בערעניק׳ס פאַלאַצען. אזוי האָבען זיי זיך גערעכענט מיט די חברה וועלכע זיינען די שטיוועל־פוצער פון די רומאים.

דער רוימישער הויפט פראָקוראַטאָר צעסטיוס גאַלוס פון סיריען האָט דערהערט וואָס עס קומט פאָר אין ירושלים איז ער אַליין אַוועק אהין מיט אַ גרויסען חיל איינצושטילען די מרידה. די קנאים, זעלאָאיטען מיט אַלע פאַטריאָטען וואָס זיינען געווען גרייט זיך מקריב צו זיין פאר דער באפרייאונג פון זייער פאַטערלאנד, זיינען איהם ארויס מקבל פנים זיין און האָבען געבראַכט איוף איהם א שרעקליכע מפלה. צעסטיוס גאלוס איז מיט חרפה אַנטלאָפען מיט דעם רעשט פון זיין חיל. דאָס אלעס איז פארגעקומען זעהר שנעל נאָך דעם אָנקום אין ירושלים פון יוסף בן־מתתיהו; ער האָט פון אָנפאנג ניט געגלויבט זיינע אויגען וואָס עס קומט פאָר. זייענדיג אין רוים האָט ער זיך באַאיינפלוסט מיט דעם רוימישען לעבען, דאָס גרויסקייט און דער גלאַנץ פון דער רוימישער מלוכה האָבען איהם פארבלענדט די אויגען, קיין העכערס, שעהנערס און בעסערס פונ׳ם רוימישען פאָלק איז ביי איהם ניט געווען. ער האָט נאָר דערצעהלט פון די גרויסקייטען פון די רומאים, וועגען זייער מאַכט און קראַפט און טעכניק, וואָס קיין אומה ולשון וועט ניט קענען ביישטיין אַנטקעגען זיי. פון אָנפאנג בעת די אידען האָבען אָנגעהויבען דעם קאַמף מיט די רומאים האָבען זיי ביי איהם געהאט א פנים ווי משוגעים, נאָר אַז די פאטריאָטען האָבען צוקלאַפט צעסטיוס גאלוס׳ן, דאַן האָט ער איבערגעביטען די דעה, זיין מיינונג. ער האָט גערעכענט אז די אידען וועלען געווינען וועט מען אויסארבייטען אז אגריפא זאָל ווערען אַן אונאפהענגיגער קעניג, האָט ער זיך דאַן צוגעשמייכעלט, צוגע׳חנפ׳עט צום צד פון שלום, כדי צו דערגרייכען א הויכען אַמט, אזוי ווי מיר וועלען ווייטער דערצעהלען. יוסף בן־מתתיהו האָט געזעהן ווי עס פלאַקערט דער מלחמה־פייער, עס גיסט זיך בלוט, דער פאַטריאָטיזם האָט ארומגעכאפט דאָס גאנץ פאָלק; די פאַטריאָטען, די קנאים און אַלע סעקטען האָבען זיך צונויפגעשמאָלצען אין איין קערפערשאפט ארויסצוטרעטען אנטקעגען די רומאים, ווארום זיי האָבען געוואוסט אז דער רוימישער אימפעראַטאָר נירון קיסר וועט אין גיכען שיקען אַ גרויסען חיל צו באשטראָפען די מורדים, דעריבער האָבען זיי זיך גענומען שטאַרק גרייטען צו פארטיידיגען זייער פאָטער־לאַנד. ניט קוקענדיג אויף דערויף וואָס די קנאים האָבען באַזיגט די רומאים פונדעסטוועגען איז די ממשלה פון אָנפאנג ניט אריין אין זייערע הענט, ער איז פון אָנפאנג געגרינדעט געוואָרען אַ צייטווייליגע רעגירונג פון אריסטאָקראטען און פרושים.

דער סנהדרין, בראש פון וועלכען עס איז דעמאָמלט געשטאַנען שמעון בן־גמליאל — הלל׳ס אור־אייניקעל — האָט אויסגעארבייט א קלאָהרען פּלאַן ווי אַזוי צו פארטיידיגען יהודא. מען האָט אויסגעקקליבען אלס הויפּט־בעאמטע פון ירושלים: יוסף בן־גוריון און דעם כהן־גדול חנניה. און פאַר דעם פּיה־רער פון גליל האָט מען אויסגעקליבען יוסף בן־מתתיהו. דער כהן גדול און ר׳ יוחנן בן זכאי הצדיק והחכם האָבען געהאָלפען אַז יוסף בן־מתתיהו זאָל אויסגעקליבען ווערען. ר׳ יוחנן בן זכאי האָט געקענט יוסף בן־מתתיהו פון דער גוטער זייט. (ווי עס ווייזט אויס זיינען געווען אויך פילע צבועים צווי־שען די סנהדרין וועלכע האָבען סימפּאַטיזירט מיט די רומאים און זיי האָבען געהאָלפען איהם יוסף בן־מתתיהו אויסצוקלייבען, מען האָט געהאלטען אז איהם וועט זיך איינגעבען מאַכען „שלום״ מיט די רומאים) מען האָט איהם אָנפארטרויעט צו פארטיידיגען גאנץ גאלילא—גליל, מען האָט מיט איהם מיט־געשיקט צווי גרויסע לומדים יועזר און יהודא, זיי זאָלען איהם העל־פען פיהרען דאָס לאנד, ער איז געווען אויפגענומען אויף הונדערט טויזענד פוסגייער און פינף טויזענד רייטער, און פינף הונדערט מאַן האָבען איהם באַ־וואַכט, און ער, יוסף בן־מתתיהו, האָט פון אָנפאַנג באַפעסטיגט פילע שטעט און איינגעזאמעלט דאָרטען פיל עסענוואַרג.

* * *

## ערשטע ווערזיע:

אויסקלייבענדיג אַזאַ מאַן ווי יוסף בן־מתתיהו פאַר אַ פיהרער איבער גליל איז דאָך גאָר גוט, אָבער אז מען זאָל דאָס גוט באַטראַכטען איז דאָס גאָר שלעכט, ווארום מענשען זעהען נאָר פאר די אויגען, אָבער גאָט זעהט וואָס אין הארצען טוט זיך, אזוי ווי צום סוף האָט זיך ארויסגעוויזען... יוסף בן־מתתיהו איז געווען א הויך־געבילדעטער מענש, א חכם, אָבער מיט א נידעריגען כאַראַקטער, ער איז געווען אן עגאָאיסט, געשטרעבט צו כבוד, פרעסטיזש און מאַכט, ער איז נישט געווען קיין גרויסער פאָליטישען, ער האָט זיך געוואָרפען אהין און אהער; א געלערענטער, אָבער ניט קיין קריגס־מאַן. ער איז געווען באאיינפלוסט פון רוימישע אויסענוועניגסטער שעהנ־קייט; ער האָט פיל מאָל ארויסגעזאָגט זיין מיינונג אז נאָר אין רעליגיאָן און מאָראַל שטעהען די אידען העכער פון די רומאים, אבער אין רעגירונג און אין וועלטלעכער בילדונג שטעהען די רוימער העכער פון די אידען; אויך

נאָך זיין מיינונג איז דער מזל אריבער צו די רוימער און גאָט רוהט יעצט אין איטאַליע! — נאָר דאָס איז נאָר רייד, אָבער ניט קיין פאַקטען, מיט דער צייט אָבער זיינען ארויפגעשוואומען פאַקטען אזוי ווי בוימעל אויפ׳ן וואסער, אַז ער איז נוטה על צד של הרומאים; יוחנן איש גוש חלב דער גרויסער קריגס־מאַן און קעמפער פאר דער פרייהייט פון זיין פאָלק האָט פארכאפט די תבואות ביי די רוימער אין אייניגע פונקטען פון גליל און געוואָלט פאַר־קויפען צו האָבען מיט וואָס צו פיהרען די מלחמה האָט יוסף בן־מתתיהו ניט ערלויבט.

איז דאָס ניט קיין בגידה?

יוסף בן־מתתיהו האָט געהאט א שווערע אויפגאבע אזוי ווי איוב׳ס שטן, צוברעכען די פאָס און היטען די ווייך... העלפען די רוימער און די קנאים זאָ־זאָלען דאָס ניט באמערקען... מען זאָל דעם געפארבטען פויגעל ניט דער־קענען . . . האָט ער זיך באוויזען זעהר פרום, ער האָט געהייסען צוברעכען דעם פּאַלאַץ אין טבריה ווייל דאָרט זיינען געווען בילדער פון חיות, זיי האָבען מחמיר געווען מעהר מן ההלכה הידוע בתלמוד: „כל הפרצופין מותרין חוץ מפרצוף אדם" (מס׳ עבודה זרה׳ מ"ב ע"ב), דאָ איז דאָך געווען בילדער פון חיות. נאָר ווי עס ווייזט אויס איז דאָס געווען נאָר אַן אויסרייד, אין דער אמת׳ן האָט מען חרוב געמאכט דעם ארמון מפני סבות מדיניות, ווען ניט אזוי, האָט מען דאָך געקענט פארניכטען די צורות אבער ניט צופיהרען דעם פּאַלאַץ. — פונדעסטוועגען אז איהם האָט מקדים געווען יהושע בן ספפיא און האָט פארברענט דעם פּאַלאַץ און צוטיילט דאָס פארמעגען צווישען זיין חברה, האָט יוסף בן־מתתיהו באלד געזעהן אז דאָס פארמעגען זאָל מען אי־בערגעבען אגריפוס׳ן. אגריפוס געהט דאָך האַנט־אין־האַנט מיט די רומאים. דעריבער האָט מען אָנגעהויבען קוקען אויף איהם קרום, מיט חשד. נאָך לעבעדיקע פאקטען זיינען פארגעקומען וואס האָבען אויפגעוויזען אז ער איז אַ פאַרעטער: פילע מענשען פון די פארמעגליכע דאָן אין גליל האָבן זיך אריבערגעכאפּט אין די ערטער פון ארץ ישראל, וועלכע זיינען געווען אונטער׳ן אויפזיכט פון די רומאים, כדי פטור צו ווערען פון די קנאים, זיי זאָלען ניט פארנעמען זייער געלט און גוטס אויף די צוועקען פון מלחמה, דאמאָלסט האָבען די מענשען פון יוסף׳ן געכאפּט א באוואוסטע רייכע פרוי, איהר מאן האָט געהייסען תלמי פון אגריפוס׳ס פריינט, דאָס האָט זיך גע־טראָפען לעבען דאָרף „דברת". זי האָט געפירט מיט זיך פיל גוטס, טייערע חפצים, ווי עס ווייזט אויס אויך פון דעם קיסר׳ס גוטס, פיל רויב. די מענ־שען וועלכע האָבען איהר געכאפּט האָבען זיך געפרעהט און האָבען דאָס געבראכט צו יוסף׳ן אויף די צוועקען פאר מלחמה מיט די רומאים, נאָר ווי

ענטוישט זיינען אלע געווארען אז יוסף בן־מתתיהו האָט אָפּגעשיקט, די טייערע חפצים, מיט א ליבע־בריוועלע צום רוימישען גאָווערנאָר פולינוס. וואָס זאָגט איהר צו אַזאַ פאַרברעכען? און ווען יוחנן איש גוש חלב האָט איהם גענומען אויפ׳ן צימבעל, ווי קומט דאָס צו איהם אפּטאָהן אַזאַ נבלה? האָט ער זיך פאַרענטפערט אז אויך אין די פריערדיגע מלחמות צווישען די יונים מיט די רומאים האָט אויך אָפּט געטראָפען אז זיי פלעגען ווייזען ליבע־צייכענס איינער צום צווייטען און פלעגען זיך פאַרבייטען מיט מתנות; — יוחנן איש גוש חלב האָט חוזק געמאכט פון אַזאַ ענטפער. ער האָט איהם געזאָגט קורץ און שאַרף אז ער איז ניט קיין פיהרער, נאָר אַ בעטרוגער — דאָס פאָלק וועט דאָס ניט דולדען, מען מוז דעם רוימישען שלאַנג איינמאָל פאַר אלעמאָל אראָפּהאַקען דעם קאָפּ, דאַן וועט מען קענען פריי אָטעמען... יוסיפוס האָט ניט געוואַגט צו ענטפערען... (עיין בספר מלחמת היהודים של ליון פויכטואנגר, דף 156, תרגם י. ליכטבוים). עס האָט זיך אלעס דערגאנגען און מען האָט דאָס ניט געקענט פארשווייגען, און ווען יהושע בן ספפיא איז ארויסגעגאַנגען מיט א רייניגקייקט און האָט באשוואָרען די אידען זיי זאָלען זיך אָנעמען פאַר׳ן כבוד התורה, איז יוסף בן־מתתיהו מיט׳ן לעבען ניט געווען זיכער; (דאָס איז דער זעלבער יהושע בן־ספפיא וואָס מיט זיין פריינט יוסטוס בן־פּיסטוס וועלכע האָבען נאָך זעהר פיל מיה ארויפגעבראכט דאָס פאָלק פון טבריא אז עס זאָל ארויסשפּרינגען געגען די רוימער), מיט גרויס מיה האָט זיך יוסף בן־מתתיהו ארויסגעדרעהט פון דער סכנה טענה׳נדיג אז ער האָט געוואָלט מיט דאָס געלט באפערסטיגען די שטאָדט. פילע מענשען פון טבריה האָבען געוואָלט פאַרברענען זיין הויז, נאָר יוסיפוס האָט א טייל פון זיי אריינגענארט צו זיך אין הויז און ער מיט זיינע מענשען האָבען זיי פארשפּאַרט און באשטראָפט. יוחנן האָט איהם געוואָלט טויטען אז ער איז געווען אין טבריה, איז יוסף בן־מתתיהו אנטלאָפען. יוחנן האָט זיך געשטעלט פאַר די סנהדרין אין ירושלים אויפגעוויזען שוואַרץ אויף ווייס אז ער אז א פאַרעטער, האָט דאַן דער ראש סנהדרין שמעון בן גמליאל אוועקגעשיקט פיער שלוחים מיט 2500 סאָלדאַטען צו ארעסטירען יוסף בן־מתתיהו, נאָר יוסף בן־מתתיהו איז אויך ניט געזעסען מיט צונויפגעלעגטע הענט, ער האָט געהאַט פיל פריינט אין טבריה וואָס זיינען געווען פון „כת של שלום" און האָבען אין איהם ניט געזעהן קיין שום פאַרברעכען, האָבען זיי אויך געשיקט שלוחים צו די סנהדרין אין ירושלים אויפצואווייזען זיין אָרענטליכקייט און אויסגעווירקט פון זיי אַן ערלויבעניש אז יוסף זאָל בלייבען ביי זיין אַמט. דאַן האָט ער איינגענומען דאָס פאָלק און די סאָלדאטען, וועלכע האָבען געבונטעוועט אנטקעגען איהם אין טבריה; און די שלוחי־הסנהדרין האָט ער געשמידט אין

קייטען און אָפּגעשיקט קיין ירושלים. וואָס די אידען האָבען געוואונען אין די ערשטע פיר חדשים פון דער מרידה, דאָס האָבען זיי פארלאָרען אין די אַנדערע פינף חדשים וואָס יאָזעפוס האָט פארבראכט אין גאלילעא.

* * *

## צווייטע ווערזיע:

ווען מיר וואָלטען זיין אין אונזער לאנד אזוי ווי אמאָל און עס וואָלט עקזיסטירט די „כת של שלום" מיט קיסר אגריפּוס דעם צווייטען בראש, דאַן וואָלטען זיי ריינוואַשען זייער געטרייען פיהרער פון גליל יוסף בן־מתתיהו, ווארום ער איז דאָך א זעלטענער פיהרער, ער טהוט דאָס וואָס זיי פארלאַנ־גען—שלום מיט די רומאים; רוים איז די שטאַרקסטע מלוכה פון דער וועלט, אַלע פעלקער כמעט האָבען די רומאים בייגעקומען, וועט זיך דען קענען דאָס קליינע פאָלק יהודא שטעלען זיך אַנטקעגען אַזאַ מעכטיגען כח? די רומאים קענען ארויסשיקען זייערע חילות דאַן וועלען זיי פארברענען דעם בית־המקדש און א שטיין אויף אַ שטיין וועט ניט בלייבען. די בעסטע וועג איז נאָר שלום, אין רעליגיאָן מישען זיי זיך ניט, אַי, זיי טוען אָן צרות, איז דאָך בעסער אריבער צו טראָגען אלע רדיפות, נאָר צו בלייבען געטריי די רומאים און ניט אראָפּ פון דער וועלט סצענע! און דערנאָך וועט גאָט געבען רחמנות אין הארץ פון קיסר און זיינע יועצים צו טאָהן מיט אידען גוטס אין אלע צייטען. די חסרונות פון יוסף בן־מתתיהו וואָס מיר זעהן ארויס איז דאָס אלעס ביי די כת של שלום נאָר מעלות, למשל, ער האָט געהייסען צוברעכען דעם פּאַלאַץ אין טבריה ווייל דאָרט זענען געווען בילדער פון חיות וואָס איז קעגען דעם געזעץ פון דער תורה, מה רעש? ער האָט מחמיר געווען נאָך מעהר ווי דער דין איז! — אַי, דער חטא וואָס ער האָט דאָס פארמעגען אי־בערגעגעבען צו אגריפּוס׳ן, ווארום ניט? אגריפּוס איז דאָך דער אידישער קיסר, ביי איהם וועט אודאי זיין גאנץ דער פארמעגען. און ווען מען וועט דאָס פארטאָן אויף מלחמה־צוועקען וועט דאָס סיי־ווי־סיי קיין נוצען ניט ברייגנען, ווארום זיי זיינען אנטקעגען מלחמה, — ער האָט ניט געלאָזט דעם פאַרשטעהער פון די קנאים — יוחנן איש גוש חלב — אויפהויבען א קאָפּ איבער דעם ווייל די קנאים זיינען געפערליכע מענשען, זיי קענען פארברע־נען א וועלט. דאָס געלט און די קאָסטבאַרע חפוצים, וועלכע זיינע מענשען האָבען צוגענומען ביי דער רייכער פרוי, וועלכע האָט געוואָלט זיך אריבער־

כאַפּען אין געגענד פון די רומאים, האָט יוסף בן־מתתיהו איבערגעשיקט צו די רומאים, איז אויך קיין עולה ניט געווען, נאָך דער מיינונג פון כת של שלום, אדרבה, דאָס ווייזט א פריינדשאַפט צו די רומאים, אז אידען זיינען ניט זייערע שונאים, נאָר פריינט. מיט וואָס אייגענטליך האָט ער געזינדיגט אנטקעגען אונזער פאָלק? ער איז ריין ווי א קינד פון זינד, ער, יוסף בן־מתתיהו, איז מיט צונויפגעלעגטע הענט ניט געזעסען, באַפעסטיגט גליל, צונויפגעזאַמעלט חיל, געבראַכט אלעס אין אָרדנונג, — ווען די קנאים וואָלטען ניט געשטערט אהם וואָלט אפילו איין מענש ניט פאַלען; און גאַנץ גליל וואָלט אריבער תיכף ומיד אין די הענט פון די רומאים, אָהן בלוט־פאַרגיסונג... ווארום יוסף בן־מתתיהו האָט געהאַלטען אז דאָס אידישע פאָלק, אזוי ווי די אנדערע קליינע מלוכות פון מזרח, קען נאָך געווינען דערפון, וואָס זי וועט זיך געפינען אונטער דער הערשאַפט פון אַזאַ שטאַרקער מאַכט ווי רוים. אויך איז זיין אויסקוק געווען אז די אידען זאָלען האָבען פארקניפּט די פריינדשאַפטליכע באַציהונגען מיט זייערע ניט־אידישע שכנים. אז די ביידע פעלקער זאָלען זיך באַפריינדען נעהענטער און אָפּלערנען זיך איינער פון דעם צווייטען. ער האָט געהאַלטען אז מיר אידען דאַרפען זיך באַקאַנען נעהענטער מיט דער רוימישער קולטור און קונסט. — און מיר זעהן ארויס נאָכ'ן גאַנג פון דער וועלט אז גרויסע מלוכות האָבען אלעמאָל איינגעשלונגען די קלענערע ווען זיי האָבען רעוואָלטירט אנטקעגען זיי, זעהר זעלטען ווען קליינע מלוכות האָבען געזיעגט. (אויך זעהן מיר אין אונזער צייט, אין 20־טען יאָהרהונדערט, האָט דייטשלאנד איינגעשלונגען אויסטריע, טשעכאָ־סלאָוואַקיע אָהן בלוט־פאַרגיסונג. ווייל זייער מאַכט, אויטאָריטעט און חוצפה, העזה, האָט פאַר זיי גערעדט. ביי פוילען איז שוין גוגעגאַנגען שווערער, ווייל די פּאָליאַקען מיט די אידען האָבען עקשנות'דיג געקעמפט פאַר זייער פאָטערלאַנד, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען, די רוסען פון איין זייט און די דייטשען פון דער צווייטער זייט האָבען זיי צומאָלען. פראנקרייך האָבען זיי איינגענומען איבער דעם פאַראַט פון בעלגישען קיסר, נאָר זיי האָבען די אלע פארנומענע ערטער נאָך ניט אראָפּגעשלונגען...) זעהען מיר ארויס דאָס ווער עס איז שטאַרקער דער זיעגט. — אזוי איז געווען די פסיכאָלאָגיע און די מיינונג פון יוסף בן־מתתיהו מיט זיין קליקע.

* * *

## דריטע ווערזיע. (שולדיג).

נאָך אלע פאַקטען און נאָך אלע מיינונגען מוזען מיר זאָגען, ווי שווער עס זאָל ניט זיין ארויסצוטראָגען דעם אורטייל, אז יוסף בן־מתתיהו — יוסי־

פוס פלאַוויוס — איז געווען א פּאַרעטער פון זיין פאָלק, אבער ניט קיין פּראָ־פעסיאָנאַלער. גלייך פון אָנפאנג איז ער געווען שולדיג אין דעם וואס ער האָט אָנגענומען דעם אָמט צו זיין דער פיהרער פון גליל. ער איז ניט געווען קיין קריגס־פיהרער, ער האָט ניט געהאַט אין זיך דעם אָרגאַניזאַטאָרישען כח קענען אלע פּאַרטייען אָרגאַניזירען אין איינעם, אין איין שטאַרקען כח, און ארויסטרעטען אנטקעגען שונא. זוכענדיג כבוד האָט ער זיך אריינגעדרעהט און געוואָרען „א פוקסישער פיהרער" איבער גאַנץ גליל. אבער גלייך האָט זיך דערפילט א ווידער־טעם אז ער איז ניט א טייל פון דאָס אידישע פאָלק, א ביין פון זייער ביין, ניט באהעפט מיט זייערע ליידען און פריידען. אין זיין צייט, נאָך דער מפּלה פון רוימישען הויפּט קאָמאַנדיר פעסטיוס גאלוס, האָט דער פּאַטריאָטיזם ארומגעכאפּט דאָס גאנצע פאָלק, און אלע סעקטען פון דאָס אידישע פאָלק האָבען זיך צונויפגעשמאָלצען אין איין קערפּערשאפט, אין איין שטאַרקען כח צו באפרייען זיך פון די רומאים, וועלכע האָבען געדריקט, גע־שטיקט און געריסען די הויט פון די אידען; א קליינע קליקע איז געווען וואָס האָט געהאלטען מיט אגריפּוס'ן דעם צווייטען, פאר די רומאים, האָט ער, יוסף בן־מתתיהו געזעהן מיט אלע מעגליכקייטען זיי באהילפיק צו זיין, און אין דער זעלבער צייט לעגען שטיינער אויפ'ן וועג פון די קנאים. יוסף־בןמתתיהו האָט געהאלטען אז שטאַרקער פון רוים איז אויף דער וועלט ניטאָ, נאָר גיך האָט ער איינגעזעהן אז דער גייסט פון פאָלק איז שטאַרקער ווי רוים. ווען ער וואָלט ניט זיין דער פיהרער פון גליל און ווען עס וואָלט ניט זיין די אינעווייי־ניגסטע מחלקות, וועלכע האָבען געבראַכט צרות אויף אונזער פּאָטער־לאַנד, דאַן וואָלט דאָס פאָלק זיגען, ווי אין די צייטען פון די חשמנאים; דאָס געדולד פון פאָלק האָט געפּלאַצט איבער די רציחות פון רוים, זייער גבורה האָט אויס־געבראָכען ווי די לאַווע, קראַטער פון א וואולקאַן; — דער דור החדש האָט ניט געוואָלט ליגען אונטער דעם שווערען שטיוועל פון רוימישען סאָלדאַט; די פּסיכאָלאָגיע פון המון איז באַשטאַנען אין קאַמף זוכען זיין גליק און פריי־הייט. מיר זעהען דאָך אז איידער יוסף בן מתתיהו איז געוואָרען א פיהרער איז אן ארמעע פון דרייסיג טויזענט מאַן אונטער דער קאָמאַנדע פון טשעס־טיוס גאלוס, דעם רוימישען גובערנאַטאָר פון סיריען, איז באזיגט און פאר־ניכטעט געוואָרען פון א גאנץ קליינע צאָל קנאים, היינט ווען עס וואָלט זיין א ריכטיגער פיהרער איבער גליל, ווי יוחנן איש גוש חלב און ווי שמעון בן גורא — אָנשטאָט יוסף בן־מתתיהו — דאַן וואָלטען אלע קעמפען מוטיג מיט אַ געוויסע דיסציפּלין, וואָלטען זיי ווייטער צוקלאַפּט די רומאים; דער שונא אליין האָט געפילט ווער עס זיינען זיינע פריינט און ווער עס זיינען זיינע פיינד; גלייך ווי אספּסינוס מיט טיטוס'ן מיט זייער חיל זיינען געקומען קיין

גליל האָט אספּסינוס געשיקט גרויסע לייט צו יוסף בן־מתתיהו אז ער זאָל מאכען שלום מיט איהם. האָט יוסף געבעטען אָפּוואַרטען עטליכע טעג ביז וואַנען ער וועט דורכריידען מיט די פאַרשטעהער פון זיין פאָלק; האָט אספּסי־נוס מסכים געווען. דאַן האָט יוסף בן־מתתיהו געשיקט מלאכים צו דאָס גאַנצע פאָלק אין ירושלים און מודיע געווען אז אספּסינוס בעט שלום און זיין עצה איז אז מען זאָל שליסען שלום, דאַן וועלען אלע בלייבען לעבען מיט די ווייבער און קינדער און דאָס אידישע פאָלק וועט ניט פאַרטריבען ווערען אין גלות, און דער בית־המקדש וועט ניט חרוב ווערען פון די מעכטיגע רומאים, און דאָס לאַנד וועט ניט ווערען פאַרוויסט. האָבען געשיקט די איינ־וואוינער פון ירושלים הכהנים והשרים, הסגנים וכל חורי יהודא: „היט זיך זאָלסט מיט זיי ניט מאַכען קיין שלום, שטאַרק זיך, האַלט מלחמה ביז'ן לעצטען טראָפּען בלוט, בייקומען, אָדער חס"ו פאַלען אין מלחמה ביז'ן לעצ־טען סאָלדאַט!" ע"ע ספר יוסיפוס של יוסף גוריון הכהן, פרק תשעה וששים) — איז יוסף בן־מתתיהו געווען שטאַרק אין כעס אויף אַזאַ ענטפער און גע־מוזט איבער געוואלד מלחמה האלטען מיט די רוימער. אלע סכנות האָט ער אויסגעמיטען, ער האָט ניט געוואָלט זיין אין מיטען פייער. די רומאים האָ־בען איינגענומען דעם פעסטונג גברה ווייל יוסף בן־מתתיהו איז נאָך פריער אַנטלאָפען קיין טבריה. יוסף בן־מתתיהו האָט באוויזען זיין כח אין לויפען... ער איז קיין עין הרע א וואוילער לויפער... ער איז געלאָפען פון גברה קיין טבריה. צום סוף האָט ער זיך באַפעסטיגט אין דער שטאָדט יאָטאפאַטא (יודפת) — יודפת איז געווען אַרומגערינגעלט פון הויכע פעלזען־בערג און טיפע תהומות. דאָס חיל האָט באוויזען זיין גבורה, געקעמפט ווי די לייבען, כאָטש זיי האָבען געליטען פון דורשט ווייל דער שונא האָט ניט געלאָזט אריינפיהרען וואַסער, און ווען עס געפינט זיך ניט איין פאַלשער וואָס האָט אַנגעוויזען די רוימער א וועג צו דער פעסטונג, וואָלט זי זיך נאָך געקענט האַלטען. באַגייסטערט איז געווען דער הויפּט־באַאַמטער יוסף בן־מתתיהו פון די גבורות וואָס האָבען באוויזען די גבורים פון גליל, ער האָט די העלדען קנאים אומשטערבליך געמאַכט מיט זיין שאַרפען פען, כאָטש ער האָט זיי פיינט געהאַט, ער שילדערט זיי אַזוי: „ביי יודפת האָט זיך אויסגעצייכענט א איד מיט'ן נאָמען אלעזר בן סמיא, א געבוירענער פון דעם גליל, אויף א גלענצענדען אופן, וואָס איז כדאי אוועקצושטעלען לזכרון עולם. ער האָט אויפגעהויבען אַן אומגעהייער גרויסען שטיין און האָט איהם אַראָפּגעשליי־דערט פון דעם מויער אויפ'ן שטורם־באַק מיט אַזאַ קראַפט, אז ער האָט אַראָפּגעקלאַפּט ביי דער מאַשין דעם קאָפּ. דערנאָך איז ער אַראָפּגעשפּרונגען, איז אריין אין מיטען די פיינד, האָט געכאַפּט דעם קאָפּ פון באַראַן און ניט

מורא האָבענדיג פאר קיין זאך, האָט ער איהם ארויפגעטראָגען אויף דעם מויער, דאמאָלסט האָבען אלע פיינד אָנגעהויבען צו ציהען אויף איהם פון זייערע בויגענס, און אזוי ווי ער איז ניט געשיצט געווען פון א פאַנצער, דעריבער איז ער געוואָרען געטראָפען פון פינף פיילען, נאָר ער האָט דערויף ניט געוואַרט און איז ארויף אויף דעם מויער, וואו ער האָט מחמת זיין גבורה צוגעצויגען אלעמענס אויפמערקזאמקייט אויף זיך, אבער גלייך דערויף איז ער אראָפגעפאלען פון דעם מויער אינאיינעם מיט'ן קאָפּ פונם באַראַן, זיך קרימענדיג פון זיינע וואונדען. חוץ איהם האָבען זיך אויסגעצייכענט דורך זייער העלדישקייט ביידע ברידער נטירא און פיליפּוס, אויך גלילים, זיי האָבען זיך א לאָז געטאָן קעגען די רוימישע סאָלדאַטען פון צעהנטען לעגיאָן און זיינען אָנגעפאלען אויף זיי מיט אַזאַ אימפעט אז זיי האָבען דורכגעבראָכען זייערע רייהען און פארטריבען פון זיך אלעמען, וועמען עס איז זיי נאָר געקומען אין וועג״. און אזעלכע העלדען, גבורים זיינען געווען פיל, די קנאים זיינען געגאנגען אין פייער און אין פלאַם פאר דער פרייהייט פון זייער לאנד; די אומדערשראָקענע קנאים זיינען געווען ווי אדלערס וואָס פלעגען אָנפליהען אויף די רוימער און צוטרייבען זייערע מחנות. היינט שטעלט זיך פאָר ווען יוסף בן־מתתיהו וואָלט ניט זיין קיין „צבוע״, וואָלט ניט האלטען פאר די רומאים —וואָלט ער דאָך מיט אזעלכע גבורים איינגענומען די רומאים, וואָס די אידען האָבען געוואונען אין די ערשטע פיער חדשים פון דער מרידה, דאָס האָבען זיי פארלאָרען אין די אנדערע פינף חדשים וואָס יוסף בן־מתתיהו האָט פאַרבראַכט אין גליל און נאָך זיינע מעשים נאָך האָבען אלע געוואוסט אז עס איז ניטאָ אויף וועמען זיך צו פארלאָזען. נאָך פערציג זיבען טעג האָט דער שונא איינגענומען יודפת. דעם שונא האָט געקאָסט פיל קרבנות. יוסף בן־מתתיהו איז אנטלאָפען דורך א הייל און מיט איהם פערציג מענשען. ווען זייער באַהעלטעניש איז ענטדעקט געוואָרען האָבען די רוימער געפאָדערט אז יוסף זאָל זיך אונטערגעבען. יוסף בן־מתתיהו פון זיין זייט, איז שוין געווען גרייט זיך איבערצוגעבען צום שונא. נאָר די חברה וואָס זיינען געווען מיט מיט איהם האָבען איהם געוואָלט שטעכען, דאן איז ביי זיי געבליבען זיך נעמען דאָס לעבען און ניט איבערגעבען זיך צום שונא. ער האָט געשוואָרען אז ער וועט שטאַרבען מיט זיינע אומגליקליכע ברידער. און ער האָט גע'עצה'ט אז מען זאָל וואַרפען גורל אויף אלעמען צו צוויי ווער עס זאָל טויטען דעם צווייטען; אויף וועמען עס וועט פאַלען דער גורל יענער וועט געטויטעט ווערען דורכ'ן שווערד פון צווייטען און אזוי ווייטער. ער האָט אזוי געדרייט אז ער איז געבליבען דאָס לעצטע פאָר, האָט ער אויפגעוויזען זיין חבר אז עס איז א גרויסער חטא זיך צו נעמען דאָס לעבען, און זיי זיינען ביידע געבליבען לעבען.

(ווען א קאַפּיטאַן זעהט אז די שיף זיינע איז אין געפאַר און אַט, אַט געהט ער אונטער, דאַן זעהט ער מיט אלע קרעפטען ראַטעווען די פּאַסאַזשי־רען, פריהער ראַטעוועט ער די קליינע קינדער, ווייבער, דערנאָך מענער, ער, דער קאַפּיטאַן בלייבט דער לעצטער, אמאָל ווערט ער אויך געראַטעוועט און פיל מאָל טרעפט אז ער געהט אונטער מיט זיין שיף, דער לעצטער. אזוי טוט אַן אָרענטליכער קאַפּיטאַן. אָבער דער קאַפּיטאַן, וועלכער איז אין א סכנה װאַרפט זיך אריין דער ערשטער אין וואסער צו ראַטעווען זיך און זיינע פּאַסאַזשירען לאָזט ער איבער — איז א רשע. — יוסף בן־מתתיהו האָט ניט געהאנדעלט ווי אַן ערליכער קאַפּיטאַן, האָט ניט אָנגענומען קיין שום מיט־לען צו ראַטעווען די איינוואוינער פון יודפת וואו עס האָבען זיך געפונען איבער פערציג טויזענט מענשען: קליינע קינדער, פרויען, מענער). — און יוסף בן־מתתיהו איז ארויסגעגאנגען מיט זיין חבר צו ניקנור השר, וועל־כער איז געווען זיינער, א גוטער פריינט פון פריהער... ניקנור האָט איהם געבראַכט פאַר׳ן פעלדמארשאל אספּסינוס. אספּסינוס האָט געוואוסט אז יאָ־זעפוס קאָן זיך ניט רעכענען צווישען די רוימישע פיינד. ער האָט איהם ער־לויבט חתונה צו האָבען מיט איינע פון די געפאנגענע אידישע פרויען. (זיין פרוי איז איבערגעבליבען אין ירושלים, און נאָכ׳ן דין טאָר א כהן ניט נעהמען קיין געפאנגענע), (אסור לכהן לשאת לאשה שבוית מלחמה, משנה כתובות, ב, ה.), געלד האָט איהם אויך ניט אויסגעפעלט, און א חוץ דעם איז ער גע־וואָרען א חבר און א יועץ פונ׳ם יונגען טיטוס.

די נאָכריכט אז יודפת איז געפאלען און עס האָט זיך מיט׳ן איינעמען גליל געעפענט זיך א וועג פאַר׳ן שונא צו ירושלים האָט ארויסגערופען גרויס טרויער אין ירושלים.

די מעשי יוסף אין גליל און זיין לעבען איבעראַשט איטליכען אידען. גליל איז געווען דער קרעפטסט פון ארץ ישראל, ארומגערינגעלט פון הויכע פעלזען־בערג און טיפע תהומות, אויך האָט זי זיך אויסגעצייכענט מיט איהרע נאַטור־אוצרות און מיט איהרע קעמפפער, וועלכע האָבען געשטרעבט צו פרייהייט.

די חשמנאים האָבען געקעמפט פאַר פרייהייט און האָבען באַזיגט די סיריער אין די בערג. ווען עס וואָלט זיין א ריכטיגער פיהרער דאַן וואָלטען די רומאים אין די בערג כאַפּען א מפלה. אפילו אין יעצטיגער צייט שפּילט אַ לאַנד פון בערג א גרויסע ראָליע. די איטאַליענער האָבען געכאַפּט א שרעקליכע מפלה אין די בערג פון גריכענלאַנד. ווען עס וואָלט זיין דער פיהרער יוחנן איש גוש חלב וואָלט ער שאפען וואונדער. פלאַוויוס באַוואונ־

דערט די ענערגיע און פעהיגקייט פון דיזען פיזיש שוואַכען אבער מאָראַ־ליש גרויסען מאַן — יוחנן איש גוש חלב, וועלכער האָט מיט זיין שטאַרק־מעכטיג וואָרט עלעקטריזירט, פאַר׳כישופ׳ט די קנאים — די עקסטרימע פאַטריאָטען פון אדישען פאָלק — וואס האָבען זיך געשלאָגען מיט די רוימער ביז׳ן לעצטען טראָפּען בלוט. — די אידען האָבען ניט געהאט קיין „פרשים״ און פאר דערפאר האָבען די רוימישע רייטער זיי באזיגט. די אידען האָבען געפילט דעם חסרון אין דער צייט פון מלחמה, אבער אין דעם בארגיגען גליל האָבען די רוימישע פרשים קיין שום ראָל ניט געשפילט, און די רומאים האָבען גאָרנישט געקענט אויפטאָן אין דעם בערגיגען גליל. דאָס אידישע חיל וואָלט האָבען אין גליל די אויבערהאנט. דערפאר איז גאָר קיין וואונדער ניט אַז די אידען זיינען געווען פארזיכערט און איינגעגלויבט אין לאנד גליל, — און אפילו די וועלכע האָבען ניט געגלויבט אין א פאָלקאָמען נצחון איבער די רומאים האָבען געטראכט אז מיט דעם צונויפבונד פון אלע כוחות אין גליל וועלען זיי לכל הפחות שליסען מיט די רומאים שלום אויף גוטע תנאים; אבער וואס האָט געטאָן יוסף בן־מתתיהו? ער האָט ניט אויסגעפאָלגט די אינסטרוקציעס פון ירושלימ׳ער גאָווערנמענט און מיט זיינע שפיצלאָך און אינטריגעס מיט די קנאים האָט ער ענטוישט, ענטמוטיגט די אנשי הגליל,

די אנשי הגליל, צובראָכען זייער נאַציאָנאַלען שטאָלץ; אנשי הגליל האָבען דורך איהם זייער מוטה פארלאָרען, און מוטה פאַרלירען איז אלץ פאַרלאָרען, און דאָס האָט געפירט צום חורבן פון לאנד, דאָס אלעס איז געווען באוואוסט און מען האָט ניט געקענט פארגעבען יוסף׳ן זיינע זינד, אויך מאכט ער נידעריג די גבורים פון פרייהייט. עס באווייזט זיך ניט ביי איהם קיין שום חרטה־געפיהל און געפיהל פון כבוד צו די גבורים. ער האָט די העזה ב„מלחמת היהודים״ צו טאַדלען די גבורי־האומה, ער רופט זיי אָן מיט דעם נאָמען גזלנים, רויבער. מיט וואס פאר א רעכט? און דאָס זיינען די זעלבע מענ־שען וואס ער איז געווען די סיבה פון זייער אומגליק! און שטעלט זיך פאָר יוסף איז דאָך געשטאַנען אויפ׳ן שפיץ פון די „שודדים״ און אויב די סאָלדאָטען זיינען „באַנדיטען״ איז ער דאָך אוודאי אַ „רויבער״.

און ווען מיר קוקען דורך דעם פרק ששים וחמשה מחיי יוסף (יוסף מתוכח עם איש ריבו יוסטוס מטבריה, ספר קורות המלחמה עם הרומאים).

יוסף בן־מתתיהו, וועלכער האָט געקראָגען פון קיסר טיטוס׳ן און אספסינות׳ן דעם טיטול „יוסיפוס פלאַוויוס״ איז ניט צופרידען פון יוסטוס הקנאי. יוסיפוס זאָגט אז יוסטוס שרייבט וועגען איהם ניט ריכטיג און וועגען זיין פאָטערלאנד האָט ער, יוסטוס, ניט דערצעהלט דעם אמת אין זיין היס־

טאָריע. והא ראיה די היסטאָריע פון יוסטוס'ן איז געווען געשריבען מיט 20 יאָהר פריהער, און זי איז ארויס מיט 20 יאָהר שפעטער נאָכ'ן טויט פון אספּסינוס'ן, טיטוס'ן און אגריפוס'ן. מסתמא האָט יוסטוס מורא געהאט ארויס־צולאָזען ווייל ער שרייבט ניט ריכטיג און די קיסרים וואָלטען קענען אָפּליי־קענען. שעהנע רייד. אבער אין אמת'ן איז ניט ריכטיג. יוסטוס שטראָפט יוסיפוס'ן און אגריפּ'ן מיט פייערדיגע רייד, זיין וואָרט איז גליהענדיק. ער האָט מיט זיינע רייד געפּאַטשט ווי מיט א בייטש, ער רייסט אראָפּ די מאַסקע פון יוסף'ן און וויזט פאַר דער גאנצער וועלט ווער ער איז.

יוסטוס'ס „היסטאָריע" איז געווען די אמת'ע" (און דער קיסר אספּסינוס האָט יוסטוס'ן פאַר'משפט צום טויט, האָט ער זיך אויך ניט אָפּגעשראָקען. ער, יוסטוס האָט געשריבען פריי און ריכטיג וואָס איז פאָרגעקומען, ער האָט ניט גע'חנפ'ט די קיסרים זיי זאָלען איהם געבען אן ערלויבעניש צו דרוקען, ער האָט אלעס געקענט אויסדריקען אויף ריכטיג די סיבות וואָס האָט ארויסגע־רופען די מלחמה און די (טיראַנשטוואָ) טיראַנניי פון די רוימישע קיסרים מיט זייערע בעאַמטע, ארומגעשריבען דעם שטאַרקען גייסט פון די הייליגע קעמפער קנאים, פון יוחנן איש גוש חלב — מנהיג־האכרים — ושמעון בן גיורא וכ', וועלכע זיינען געווען די ליכט און דער שטאָלץ פון די אידישע מאַסען. מיט אַ געלעכטער פון טרעהרען ארומגערעדט די פאלשע פּאָליטיק פון יוסף בן־מתתיהו מיט זיין אונטערלעקען זיך צו די רוימישע קיסרים—שונאי ישראל. און דערצו האָט זיין שפּראַך יונית געלעבט, ער האָט ניט געדארפט האָבען קיין ארויסהעלפער. יונים, אזוי ווי יוסף, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט אין אַראַמיש, אבער ניט אין יונית (ע"ע פּרק ששים וחמשה של חיי יוסף) אין דעם פּרק איז געשריבען געוואָרען פון יוסף'ן אנטקעגען יוסטוס'ן, וועלכער באַ־שולדיגט איהם אין פיל זאכען; אזוי ווי יוסטוס איז געשטאַנען אויפ'ן שפּיץ פון א פרייער באַוועגונג און ער, יוסף פאַרענטפערט זיך אז ער איז געווען אלעמאָל איבערגעגעבען צו די רומאים, אפילו בעת איהם איז אויסגעקומען מלחמה האלטען מיט זיי. איז דאָס ניט לעכערליך, ער שלאָגט זיך פאַר אידען און ליבט די שונאי־ישראל אין דער זעלבער צייט. און צום סוף שטעלט צו יוסף „אגריפּוס דעם צווייטענס" אַ בריעף אין וועלכער ער לויבט זיין ווערק ווייל זיין היסטאָריע איז געשריבען געוואָרען ריכטיג. עפּעס א קליי־ניגקייט א בריוועלע פון א שונא־ישראל!

ווען דאָס פאָלק האָט זיך דערוואוסט אז יוסף האָט זיך אונטערגעגעבען צו די רומאים, האָט איהם דאָס פאָלק פארשאָלטען אלס פאַררעטער צום פאָ־טערלאנד. איהם ארייגעלעגט אין חרם. איהם אבער האָט דאָס אלעס ווינציג וואָס געקימערט, פיהלע יאָהרען האָט יוסף פלאַוויוס נאָך דער מלחמה געלעבט

אין גרויס כבוד אין רוים, אין דעם לאנד פון שונא און אלע זייערע שענדליכע מעשים זייערע, אונטערדריקונגען און מערדערייען, האָט ער פאַרטיידיגט. יוסף פלאַוויוס האָט ליעב געהאַט די רומאים, ארויסגעזעהן דעם איסוויייניגסטען גלאַנץ אין די גאָלדענע פּאַלאַצען פון די רומאים, אבער ניט די אינערליכע צופוילטקייט. ווען יוסף פלאַוויוס, אגריפּוס דער צווייטער און אלכסנדר טיבעריוס וואָלטען ניט זיין, דאַן וואָלט ניט געווען חורבן־ירושלים. נאָך גליל איז יוסף געווען אַ פאַררעטער, אַנגעצייגט צו די רומאים אלע וועגען און שטעגען ווי איינצונעהמען ירושלים. די רומאים האָבען יוסף׳ן גוט אויסגע־נוצט, אבער באַצאָהלט איהם מיט א גאָלדענע מטבע נאָך זיין ווערדע נאָך... דאָס הארץ ווערט פאַרגאָסען מיט בלוט דערמאָנענדיג זיך אָן דאָס אלעס. באמת האָט ער זיך מיט דער אידישער סביבה נאָכ׳ן חורבן בית שני קיינמאָל זיך ניט גע׳חבר׳ט. ווער האָט נאָך זיין טויט געטרויערט? ווער האָט געלעגט שערבלאַך אויף זיינע אויגען? אַ מאָנומענט האָבען נאָך איהם די רומאים געשטעלט, אָבער אידען האָבען איהם ניט מקבר געווען אויף זייער בית־עולם און קיין מצבה איז ניטאָ און קיין קדיש אוודאי ניט.

* * *

צייטענווייז באַמערקען מיר אז אין די אָדערען פון יוסף בן־מתתיהו פליסט דאָס בלוט פון די חשמנאים פון די מכבים פון וועלכע ער שטאַמט, ווארום מיט זיין שאַרפען פען טרעט ער ארויס אנטקעגען אלע אנטיסעמיטען און פאַר־לוימדער פון דאָס אידישע פאָלק, ווי צום ביישפּיל, ער האָט זיך ארויסגעוויזען געגען דעם גריכישען עגיפּטישען אידענפרעסער אַפּיאָן. יוסף בן־מתתיהו פאַר־טיידיגט די אידען און זייער רעליגיאָן מיט פיל מוטה און טאַלאַנט. יוסף דער־קלערט דעם אידישען רעליגיאָן, די אידישע מאַראל, די אידישע פיהרונגען, די אידישע געזעצען, וועלכע שטעהען העכער ווי די לעהרע פון אנדערע מלוכות אין יענער צייט.

מאַכט חוזק פון די אנטיסעמיטען און מאַכט פון זיי א תל. יוסף פאַרטיי־דיגט דעם אידישען כבוד. מיט איין וואָרט פלאַוויוס וואָלט זיין אונזערער אין גאַנצען, ווען ער וואָלט ניט פון אָנפאַנג אראָפּ פון גלייכען וועג. ער איז א קרבן פון חקוי (נאָכקרימונג), ער האָט זיך פאַרבונדען מיט אלע פעדים פון זיין נשמה מיט די רומאים, דורכגעזאָפּט געוואָרען מיט זיין שפּראַך, מיט זיין גייסט און באַאיינפלוסט מיט זיין ליטעראַטור און פּאָעזיע.

* * *

# אלישע בן-אבויה.

ארבעה נכנסו בפרדס ואלו הן בן עזאי ובן זומא אחר ורבי עקיבא. אמר להם ר״ע כשאתם מגיעין אצל אבני שיש טהור אל תאמרו מים מים משום שנאמר דובר שקרים לא יכון לנגד עיני (תהלים ק״א) בן עזאי הציץ ומת עליו הכתוב אומר; יקר בעיני ד׳ המותה לחסידיו (תהלים קיז׳) בן זומא הציץ ונפגע ועליו הכתוב אומר דבש מצאת אכול דייך פן תשבענו והקאתו (משלי כ״ה), אחר קצץ בנטיעות, רבי עקיבא יצא בשלום.

רבינו חננאל: וצוה אותם ר״ע כשאתם מגיעין להביט באובנתא דליבא אצל אבני שיש טהור אל תאמרו מים מים שאין שם מים כל עיקר אלא דמות בעולם נראית והאומר מים נהדף שנמצא משקר ובלשון הזה מפורש בהיכלות רבתי מפני ששומרי היכל פתח שיש מטילין ומשליכין אלף אלפי גלי מים ואין שם אפילו טפה אחת אלא אויר זיו אבני שיש טהור. שהן כלולות בהיכל שהיה זיו פניהם דומים למים והאומר מים הללו מה טיבן נהדף וכ׳ (חגיגה דף יד׳ עמוד ב׳).

די גמרא דערצעהלט אונז אז פיר גרויסע חכמים זיינען אריינגעגאנגען אין גאָרטען (פרדס-פשט, רמז, דרש, סוד): בן עזאי, ובן זומא, אלישע בן־אבויה ורבי עקיבא. בן־עזאי איז אין גיכען געשטאָרבען פון נאָכקלעהרען, בן־זומא איז פונ׳ם קלעהרען משוגע געווארען, אלישע בן־אבויה האָט ארומ־געהאקט די פלאַנצונגען אינ׳ם גאָטען (קצץ בנטיעות הדת) און מען האָט איהם דערפאר א נאָמען געגעבען אחר. רבי עקיבא איז ארויס בשלום פון זיין נאָכקלעהרען.

דער דור פון אלישע בן־אבויה האָט געהאט מיטלייד מיט איהם, פארוואָס אַזאַ גרויסע פערזענליכקייט איז אראָפּ פון גלייכען וועג. איבער דעם איז געשאַפען געווארען פילע לעגענדעס וועגען איהם, ווייל ער האָט זיך אויסגע־צייכענט מיט זיינע ערהאבענע געדאנקען. מיט זיין גרויסען מוטה, אייזערנעם ווילען, ענערגיע און קוראַזש. מיר ווען לען דאָ אלעס איבערגעבען און צי־טירען די סיבות, וועלכע האָבען גורם געווען אז אַזאַ גרויסער תנא און רבי פון רבי מאיר׳ן זאָל ווערען אַן אפיקורוס. פיר גרויסע חכמים זיינען אריינ־געדרונגען אינם גאָרטען פון וויסענשאַפט און מיט זייער שאַרפען שכל האָבען זיי זיך געגומען גריבלען און נאָכפאָרשען דעם אינהאלט פונם מענשליכען לעבען און די סודות פון דער גאָטהייט. אלישע בן־אבויה האָט באַצאָהלט מיט

זיין פאַרשען מיט דעם וואָס ער איז אראָפּ פון גלייכען וועג, געוואָרען אַן אפיקורס און מען האָט איהם א נאָמען געגעבען „אחר". — (קצץ בנטיעות הדת). צוויטענס, דערצעהלט אונז די גמרא (ירושלמי. חגיגה י"ג): „פעם אחת היה יושב בבקעת גינוסרו אצל טבריה וראה אדם אחד עלה לראש הדקל ונטל אם על הבנים ושלח את האם וירד משם והכישו נחש ומת, אמר כתיב: „שלח תשלח את האם ואת הבנים תקח לך למען ייטב לך והארכת ימים" (דברים כ"ב), אם היא טובתו של זה, איכן היא אריכת ימיו של זה?!" — (אריכת ימיו לעולם הבא)

וי"א ע"י שראה לשונו של ר' יהודא הנחתום נתון בפי הכלב שותת דם, אמר: „זו תורה וזו שכרה!" — איינמאָל איז ער געזעסען בבקעת גינוסרו לעבען טבריה האָט ער געזעהן א מענש איז ארויפגעגאנגען אויפ'ן שפּיץ בוים און האָט אראָפּגענומען א נעסט, די מוטער מיט די קינדער און ער האָט פריי געלאָזען דער מוטער; בעת ער איז אראָפּ פון בוים האָט איהם א ביס געטאָן אַ שלאַנג און ער איז געשטאָרבען. האָט אלישע געזאָגט עס שטעהט „שיק אוועק דער מוטער און די קינדער נעהם צו זיך וועסטו האָבען אריכת ימים. היינט פאַרוואָס איז ער געשטראָפט געוואָרען?

אויך האָט אויף איהם שטאַרק געווירקט די שרעקליכע שחיטות וואָס די רומאים האָבען געמאַכט אויף די אידען און דער אויפשטאַנד פון בר־כוכבא'ן האָט זיך ניט איינגעגעבען. דאָס איז געווען די סיבות וועלכע האָבען איהם אראָפּגעפירט פון גלייכען וועג. אחר זאָגט גאָט מיט זיין תורה איז אזוי ווי א קיסר האָט איבערגעגעבען א פויגעל צו זיין דינער און געזאָגט ער זאָל איהר היטען דעם גאנצען לעבען אז ניט וועט ער זיין פאראנטוואָרטליך, אָבער ער איז ניט קיין שקלאַף און וויל ניט איהר היטען. אנדערע זיינען משער אז אלישע איז געווען א מתנגד צו תורה שבע"פ און ער האָט באלאנגט צו די כת (גנאָסטיקס), ער האָט זיך באַאיינפלוסט מיט דער גריכישער ליטעראַטור, ער האָט זעהר פיל געהאלטען פון האמערס אליאדא און האָט איהם פראָסט פאר־געטערט. ער פלעגט אויך זינגען שירי יונים.

אחר קיצץ בנטיעות הדת עליו הכתוב אומר: אל תתן את פיך לחטיא את בשרך (קהלת ה'), לחטיא את־בשרך וכ' (קהלת ה') מאי הוא חזא מיטטרון דאתהבא ליה רשותא למיתב למיכתב זכוותא דישראל אמר גמירא דלמעלה לא הוי לא ישיבה ולא תחרות ולא עורף ולא עיפוי שמא חס ושלום ב' רשויות הן אפקוהו למיטטרון ומחיוהו שיתן פולסי דנורא א"ל כי חזיתיה ולא קמת מקמיה וכ', דאחר יצתה בת קול ואמרה: שובו בנים שובבים חוץ מאחר, אמר הואיל ואיטריד ההוא גברא מההוא עלמא ליפוק ליתהני בהאי עלמא

נפק אחר לתרבות רעה, נפק אשכח זונה תבעה אמרה ליה ולאו אלישע בן־אבויה את עקר פוגלא ממשרא בשבת ויהב לה, אמרה אחר הוא.

(חגיגא טו׳ עמוד א׳).

ווען אלישע איז ארויפגעקומען אינ׳ם „פרדס״, דערצעהלט די גמרא, אז ער האָט דאָרט געזעהן דעם מלאך מט״ט, וועלכער האָט די אויפגאבע אוועקצוזעצען זיך איין מאָל צו פארצייכענען די מצוות פון די אידען, האָט אלישע אויף דעם געפרעגט א קשיא: „ווי אזוי איז דאָס, ווען מיר האָבען געלערענט, אז אויב אין הימעל זיצט מען ניט ווייל עס איז דאָרט נישטאָ קיין מידיגקייט, הייגט אז מט״ט זיצט און פארשרייבט די מצוות פון די אידען איז אפשר טאָקע אמת, אז עס איז פאַראַן אויף דער וועלט צווייערליי פיה־רענדע קרעפטען. האָט מען גערופען אויבען דעם מלאך מט״ט און מען האָט איהם אָפּגעצעהלט זעכציג פייערדיגע שמיץ. אלישע׳ן צו באווייזען אז דער מלאך האָט נישט מעהר קיין רעכט ווי יעדער אנדער. מט״ט האָט אלישע׳ן דערזעהן האָט ער גערדאַרפט אויפשטעהן. איז ארויס א בת־קול און געזאָגט: שובו בנים שובבים חוץ מאחר, קעהרט זיך אום ווילדע קינדער חוץ אחר, האָט אחר געזאָגט ווי באלד יענע וועלט האָב איך פארלאָרען וועל איך הנאה האָבען פון דער וועלט און ער איז ארויס לתרבות רעה.

רבי מאיר האָט ליב געהאַט זיין רבי׳ן אלישע בן־אבויה און אז מען האָט איהם געפרעגט ווארום חבר׳ט ער זיך מיט אן אפיקורס? האָט ער געענטפערט: „רבי מאיר רמון מצא תוכו אכל וקליפתו זרק!״ — רבי מאיר האָט געפונען א גראַנאַט די אינערליכע האָט ער אויפגעגעסען און די שאָלעכץ האָט ער ארויסגעוואָרפען.

די גמרא דערצעהלט אזוי: ת״ר מעשה באחר שהיה רוכב על הסוס בשבת והיה רבי מאיר מהלך אחריו ללמד תורה מפיו אמר לו, מאיר, חזור לאחריך שכבר שיערתי בעקבי סוסי עד כאן תחום שבת א״ל אף אתה חזור בך א״ל ולא כבר אמרתי לך כבר שמעתי מאחורי הפרגוד שובו בנים שובבים חוץ מאחר.

— איין מאָל איז ער געפאָרען אום שבת רייטענדיג אויף א פערד און רבי מאיר איז איהם נאָכגעגאנגען צו פוס און האָט געהערט פון איהם תורה, פלוצלונג האָט איהם אלישע אָבגעשטעלט און האָט איהם געוויזען אז עס איז שוין א תחום שבת און אַז ווייטער טאָר ער ניט געהן. קעהר זיך אום אויף צוריק, האָט איהם רבי מאיר אנגעהויבען צו בעטען און דערמיט א וואונק געטאָהן אז דורך חרטה און אן אמת׳ער תשובה קאָן ער נאָך צוריקקומען צו

זיינע ברידער. אָ, ניין! האָט איהם דערויף אלישע געענטפערט, דער וועג צוריק איז פאר מיר פארשלאָסען.

ווי עס ווייזט אויס איידער אלישע איז ארויס לתרבות רעה איז ער געווען אן אמון פדגוג און אַ בקי אין חכמת החנוך, ער האָט געזאָגט: „הלומד ילד למה הוא דומה? לדיו כתובה על נייר חדש וכו׳ (אבות פ״ד כ׳) — ער האָט געזעהן אלע מאָל מאַכען נידעריג דעם כבוד פון די פרושים און דערהויבען דעם עם הארץ. אלישע האָט ארויסגעזאָגט זיין מיינונג צו ר׳ מאיר׳ן אז לערנען תורה ברייגגט אין פראַקטישען לעבען קיין שום נוצען ניט. ווי איינער רעדט מען, דארף ניט האָבען די באנק-קוועצער און די לעדיג-געהער... אָבער דער חכם רבי מאיר האָט געמאכט צו גארנישט זיינע רייד און איהם געענט-פערט: „די הויפט זאַך איז לערנען אליין, דער איד דאַרף לערנען אז ניט ווערט ער אויס איד! די געדאנקען פונ׳ם גאנצען אידישען פאָלק דארפען זיין פאראייניגט אין איין הייליגער אידעע. זייערע האָפענונגען און זייער טרייסט און זייערע באגריפען וועגען לעבען דארפען זיך שעפען פון זייער אייגענעם נאַציאָנאלען קוואַל. נאָר דאָס וועט זיי צוזאמען בינדען און האלטען שטאַרק אין איינעם אין זייער גלות צווישען פיינדליכע פעלקער. עס איז ניט א ציעל עס איז נאָר א מיטעל צו פארהיטען דאָס אידישע פאָלק פון פארניכטונג.

* * *

אילשע בן-אבויה איז געווען א גרויסער אומגליקליכער פריי-דענקער פון יענער צייט. ער פלעגט זיך נוקם זיין אין זיינע פריהערדיגע פארפאָלגער און האָט זיי פאר׳ן חרם באצאָהלט דערמיט וואָס ער פלעגט די רוימער אויפקלע-רען אלע אויפטוועגישען פון די אידען. ער האָט אויך געגעבען די עצה מען זאָל נאָר צומאכען די ישיבות און קיינער פון די תלמידים זאָלען ניט טאָרען באקומען א סמיכה אויף רבנות און האָט גערעכענט אז דורך אזוינע מיטלען וועט מען קענען אינגאנצען דערשטיקען דאָס אידישקייט און פון דער תורה זאָל ח״וס קיין זכר ניט בלייבען. נאָר אויף דער עלטער איז ער געלאַ-סענער געווארען און ווען עס איז געקומען אלישע׳ס לעצטע שעה, האָט רבי מאיר ניט אָפגעטראָטען פון זיין קראַנקען בעט און האָט איהם דארויף ארויפ-געבראכט אז ער איז געשטאָרבען מיט א וידוי אויף די ליפען.

* * *

אין איטליכען דור כמעט כאָפען זיך ארויין אייניגע פריידענקער. אויף דעם דערצעהלט מען: פריידענקער האבען דעם מלבי״ם ארייגגעשיקט פורים א צוקער-חזיר׳ל א מתנה — דער מלבי״ם האָט זיי אָפגעשיקט א לעטער „בזה

הלשון: איך דאַנק אייך מיינע טייערע, איצט זעה איך, אז איהר גלייכט מיר און איהר ליבט מיר זעהר, אז איהר גיט אָפּ מיר אפילו אייער ביסען פון מויל.״

* * *

א רעפאָרם רבי אין אמעריקע איז געקומען פרעגען ביי דעם אָרטאָדאָקסי־שען רב א שאלה.

— רבי! אז א איד האָט זיך גע׳שמד׳ט און יעצט האָט ער חרטה, ער וויל יעצט צוריק ווערען א איד, דאַרף ער האָבען טבילה אָדער ניט?

האָט דער אָרטאָדאָקסישער רב געענטפערט אזוי:

— אין דער אמת׳ן, אז דער ווילנער גאון ז״ע האָט געשריבען אין זיינע הגהות, אז ער דארף האָבען טבילה, צוליב די מאכלות אסורות, וואָס ער האָט געגעסען, אין דער צייט, ווי לאנג ער איז געווען גע׳שמד׳ט. נאָר דאָך, קען איך ניט הייסען טהאָן אזוי, וועל איך מוזען טובל זיין אלע מעמבערס פון אייער טעמפעל...

* * *

אַן אפיקורס האָט געזאָגט, אז דער „על חטא״ האָט אונז א טובה געטאָן. אזוי ווען עס זאָל זיך פארוועלען טאָהן אן עבירה, וואָלט איך ניט וויסען וואָס פריהער צו טאָהן, אָבער איצט גיט איך א קוק אין דער רשימה פון עבירות וואָס איז דאָ אין סידור און איך קלייב מיר אויס וועלכע מיר געפעלט.

* * *

מאַנכע רופען זיך פריי דענקער — פריי איז ריכטיג, דענקער, איז פאַלש.

# זמן פלטתנו.

עס איז דאָ א יום־טוב וועגען וועלכען פילע אידען האָבען נאָך ניט געהערט — ער איז באוואוסט מיט׳ן נאָמען: „זמן־פלטתנו״. — די געשיכטע קומט פאָר אזוי: אין פוילען און אין רוסלאנד זיינען געווען אמאָל, אין די צייטען פון צאַריזם, פאָמעשטשיקעס־פריצים, האָבען פאַרמאָגט גרויסע שטחים ערד, וועלדער, פעלדער, כמעט גאנצע שטעדט. אידען פלעגען דינגען ביים פאָריץ אויף ארענדע. דאָן האָבען זיי געהאט א רעכט צו כאַפּען פיש אין טייך וואָס באַלאַנגט צום פּאָריץ, האַלטען א מיל, א שענק וואו די פויערים פלעגען טרינקען בראנפען, אויך געהאט רעכט אויסצוהאקען די בוימער פון וואלד. געווען זעהר א רייכער פּאָריץ אין דער אימעניע לעבען דיסנע, וויטעבסקער גובערניע, וועלכער האָט ליעב געהאט זיין אידעל מאָשקע (משה). די ערשטע צייטען פלעגט ער צאָהלען דעם פּאָריץ פאר דער אַרענדע פּינקטליך, און משה פלעגט גוט פאַרדינען, דער פּאָריץ איז געווען זעהר צופרידען, און נאָך מעהר ווען מאָשקע פלעגט איהם זעהר פרעהליך מאַכען; זינגען פאר איהם און טאַנצען אויף איין פוס „מה־יפית״ אין אַ בערישע פעל. מיט איין וואָרט — אָהן מאָשקע׳ן פלעגט דער פּאָריץ ניט קענען לעבען. איינ־מאָהל איז געווען א שלעכט יאָהר, עס האָט ניט געשנייט ווינטער, און אין ספּרינג ניט גערעגענט, קיין וואסער ניט געווען אין די טייכען האָבען די מילען ניט געדרעהט, די ליקער ביזנעס זיינען געווען שלעכט, ווייל אנדערע פריצים האָבען אונטער געשלאָגען די פרייזען. מאָשקע איז ארומגעגאנגען שוואַרץ ווי די ערד, נאָר דער פּאָריץ פלעגט איהם ניט דריקען מיט׳ן צאָהלען פאָר דער ארענדע, נאָר פאדשרייבען וויפיל עס קומט פון איהם. אָפטמאָל פלעגט דער פּאָריץ איהם טרייסטען אז עס וועט ווייטער זיין גוט: „ניע־פעטשיילסיאַ״! — „ניט געזאָרגט״!

איינמאָל איז פארגעקומען אן אומגליק. דער אלטער גוטער פּאָריץ איז קראַנק געווארען און איז געשטאָרבען. איבערגעלאָזען א בן׳עלע, א „המן״. משה מיט זיין פאַמיליע האָבען געטרויערט, געוואוסט מיט וואָס דאָס שמעקט... ויהי היום, שיקט רופען דער יונגער פּאָריץ מאָשקען, און זאָגט איהם: „זאָג מיר, מאָשקע, וואָס צאָהלסטו מיר ניט פאר דער ארענדע? זעה וואָס פאר א גרויסע סומע דו האָסט אָנגעקליבען!״ ער ווייזט איהם דאָס בוך פון דעם חשבון. — משה מאַכט זיך טאָמע־וואָטע און זאָגט אז

היי־יאָהר איז א שלעכטער יאָהר, פיש כאפען זיך ניט, די מילען דרעהען זיך ניט און בראַנפען טרינקט זיך ניט. א״ה עס וועט זיין א גוטער יאָהר, און ער וועט זיין גוט און פרום און זעהן צאָהלען...

דער פּאָריץ האָט איינגעהאלטען זיין כעס און גאָרנישט געענטפערט. אַוועק אַ קורצע צייט, שיקט דער יונגער פּאָריץ ווייטער רופען מאָשקען און פרעגט איהם וואָרום ער צאָהלט ניט? ער וועט מעהר ניט דולדען . . . זאָגט איהם מאָשקע: „דיין טאַטע איז דאָך געווען אַ גוטער און דו ביזט דאָך מסתמא אויך ווי דיין טאַטע״. נאָר עס העלפט ניט, ער זאָגט איהם קורץ און שאַרף אַז זיין פאָטער האָט קיין שכל ניט געהאט... און די ערענדע נעהמט ער צו ביי איהם און די חובות מוז ער איהם אויסצאָהלען ביז א באוואוסטען סראָק.

אַ צובראָכענער איז אוועק משה אהיים, אויסגעגאָסען זיין האַרץ פאַר זיין ווייב און זיי האָבען באשלאָסען אז זיי זאָלען ארויספאָהרען אין שטאָדט, וואָס באַלאַנגט ניט צום פּאָריץ. דאָרטען איז אויך דאָ גאָט. אָבער ווי רייסט מען זיך ארויס? אזוי פיל געלט שולדיג?

איינמאָל ווען דער פּאָריץ איז אָפּגעפאָהרען, האָט משה צונויפגעזאַמעלט זיינע בעבעכעס, ארויפגעזעצט אויפ׳ן וואָגען זיין פאַמיליע און „האידאַ״ אין שטאָדט אריין. אויפ׳ן וועג באַגעגענט ער דעם פּאָריץ, וועלכער פאָהרט פון שטאָדט אין זיין אימעניע. ביי דעם פּאָריץ איז דורכגעלאָפען אַ געדאַנק אַז מאָשקע מאַכט אַ „ויברח״, האָט ער אָפּגעשטעלט די פערד און רופט איהם. משה מאַכט זיך ניט זעהענדיג און הערענדיג און וויל פאַרקירעווען... נאָר דער פּאָריץ איז ארויסגעשפּרונגען פון קאַרעטע און פרעגט איהם וואוהין פאָהרסטו, מאָשקע?

— אין שטאָדט אויף יום־טוב!

— וואָס פאַר א יום־טוב איז ביי אייך?

— ז מ ן פ ל ט ת נ ו, פּאָריצ׳ל!

עפּעס א מאָדנער יום־טוב טראַכט זיך דער פּאָריץ, אַזאַ יום־טוב האָט ער נאָך ניט געהערט, ער ווייס ווען עס פאַלען אויס אלע אידישע ימים־טובים. פסח — זמן חרותנו, שבועות — זמן מתן תורתונו, סוכות — זמן שמחתנו, אָבער ער ווייס ניט די צייט פון — זמן פלטתנו.

נאָר אז מאָשקע זאָגט אז עס איז דאָ אַזאַ יום־טוב, מסתמא עקזיסטירט ער. אפשר ווייס ער ניט פון דעם יום־טוב. דער פּאָריץ האָט איהם דורכגעלזאָזען און זיי זיינען זיך פאַנאַנדערגעפאָהרען.

דער פּאַריץ איז געקומען אהיים, דערצעהלט דעם אופּראַוויליאיושטשי אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען אויפ׳ן וועג מיט מאַשקען. און ער האָט מורא אז מאַשקע איז אַ „מאַשעניק״ און האָט איהם אָפּגענאַרט. דער אופּראַוויליאַ־יושטשי האָט איהם גע׳עצה׳ט פרעגען די איבעריגע אידען. דער פּאַריץ איז ארויסגעגאנגען זעהען צי די איבעריגע אידעו פון דאָרף פייערען זייער יום־טוב „זמן־פּלטתנו״ — זעהט דער פּאַריץ ווי דער שמיד יענקעל קלאַפּט אויפ׳ן קאָוואדלע מיט׳ן האַמער די רויטע אָנגעברענטע פּאָדקאָווע, און פונ־קען שפּריצען פון אַלע זייטען.

— וואָס ארבעטסטו אום יום־טוב? פרעגט איהם דער פּאַריץ, און דער־צעהלט איהם אז מאַשקע איז אוועקגעפאָהרען מיט זיין הויזגעזינד אויף יום־טוב „זמן פלטתנו״!

דער שמיד האָט פאַרשטאַנען וואָס פאר א שפּיצעל משה האָט דאָ אָפּ־געטאָהן, זאָגט ער צום פּאַריץ:

— „יע, פּאַריצ׳ל, מיר האָבען אלערליי ימים־טובים, וואָס ווערען גע־פייערט פון אַלע אידען איינענעם, אין דער זעלבער צייט וואו אידען געפינען זיך, אָבער עס איז פאַראַן ימים־טובים אזעלכע וואָס ווערען געפייערט פון אידען ניט אין איינער און דער זעלבער צייט, אמאָל ווערט דאָס געפייערט פון איין אידען, און אַמאָל פון אַ גאַנצע פאַמיליע, און אַמאָל פון אַ גאַנצער שטאָדט אידן, און אמאָל פון אַ גאַנץ לאַנד אידען. יעצט איז גראדע געפאַ־לען דער גורל אויף מאַשקע, אז ער זאָל פייערען דעם יום־טוב „ז מ ן פ ל ט ת נ ו ״. איך ווייס ניט ווען עס וועט אויסקומען מיר צו פּראַווען. אויך, פּאַריצ׳ל, עס וועט קומען א צייט אז דו וועסט אויך דאַרפען פּראַווען דעם יום־טוב „זמן־פּלטתנו״. — זעהר אומגעריכט וועט דאָס אָנקומען, אָט ווי אַ אוראַגאַן, ווי אַ שטורם וועט דאָס אָנקומען מיט אַמאָל, אז דו וועסט אויך דאַרפען אַנטלויפען אין „הוילע תחתונים״ און אַלע גיטער, אלעס וועט דאָ פאַרבלייבען און דו וועסט זיך קוים ראַטעווען מיט דעם לעבען . . .

אויך דעם יום־טוב „זמן־פּלטתנו״ וועלען פאַרזוכען נאָך פּריצים, קייז־סאַרימלעך, און אויך המנ׳ס, טאָרקוואַמאַדעס, היטלערס . . .


ענדע